STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12614

YUNG SHIKAGO

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יונג שיקאגא

א זאמלבוך

-1922-

פארלאג
יונג שיקאגא

אנטיילנעמער :

בן שלום,

ל. גארעליק,

ב. גאלדהארט

מ. דייטש

ב. הערשפילד

מאטעס ל.

א. עסעלין

יצחק ראנטש

צייכנונגען :

א. פארטנאוו

ה. זיגערמאן

באצירונגען :

ה. יאזעפס

בן שלום

שיקאגא

באַן סטאַנציעס

מישיגן בולוואַר

שלאַכט הייזער

די שטאָט ביינאַכט

ד י ש ט אָ ט

פון דער היים

פון אַ בריוו

קלינגט אוים

וואָס וועט זיין

האָפנונג

פ אַ ר ג י ב

איך

Siegerman

בן שלום

שיקאגא

אַ באַרג פון שטיין און גראניט אויסגעגאָסן,
וואָס ציט זיך אויף ווייט־ברייטע ברייטקייטן פאנאנדער
און טראָגט זיך ווי געפליגלט —
אַלץ העכער,
און העכער,
ווי ער וואָלט די שווערע וואָלקנס קוילנרויך וועלן דעריאָגן
וואָס ווערט אויסגעהויכט פון די שטאָלענע הערצער פון פאבריקן,
פון טויזענטער באַנען און שיפן
וואָס קרייצן דורך דעם בארג,
פון שטיין און גראניט —
שיקאַגאָ.
שיקאַגאָ.

מיליאָנען באַנאַכטיקע זונען
פּרעסן זיך איין אין דיינע גיגאַנטישע קופּאָלן
פון שטאָלענע טורעמס —
זונען פון שיפן, וואָס קרייצן דעם מישיגן לייק:
פון שויבן מיליאָנען,
פון באַנען־אויגן,
פון אטאָמאָבילן, טראַמווייען
פון טויזנטער אויפשריפטן איבער די גאַסן
וואָס שניידן דורך די אויסגעהויכטע רויכיקע מאַסע
וואָס ווערט אויסגעשפּייט פון די שטאָלענע הערצער
און וויקלען דעם ריזיקן בארג איין, פון אייזן־גראַניט —
שיקאַגאָ,
שיקאַגאָ,
בריקן פון שטאָלענע דעמבעס געגאָסן
קלאַמערן איינגער, און איינגער דיין ווייט־צעגאָסענע ברייטקייט,
עס זאָל זיך דיין גרויסקייט נאָך העכער צעוואַקסן —
צו פאָלגן דעם שטאָלענעם־דוף פון דיין שוועסטער נו־יאָרק —
שיקאַגאָ.
שיקאַגאָ.

באן־סטאנציעס.

א קייט פון באן־סטאנציעס —
שטאָל און שטיינערנע באן־סטאנציעס, רינגלען דיך ארום שיקאגאָ,
פון וואנעט עס כוואַליען זיך מענטשן־וועגנט ארויס
אין דער שטיינערנער שטאָט אריין
אין מיליאָנען, מיליאָנען!
דאָס כוואַליען זיך—די קינדער, די בויער—גערופן פון שטאָלענעם רוף
כדי צו שמידן דעם בארג פון גיגאנטישע טורעמס באוואקסן
אַלץ העכער און העכער, אַלץ ברייטער און העכער!
צעטראָגן זיך זינגענדע עכאָס פון שטאָלענע דעמבעס,
פליגלען זיך שפיצן פון טורעמס צום הימל;
וואקסן אוים בריקן און שיפן —
טראמווייען און באנען,
עלעקטרישע זונען־זיילן וואָס באצינדן דעם אויביק באוועגנדן בארג —
שיקאגאָ!
קאנאַלן וואו ריזיקע טייכן עס ווערן אין איינעם געקלאמערט
ווי נעצן צעשפרייטע אויף דיין שטיינערנעם רוקן
צעקרייצן דיין לייגג, און דיין ברייט;
דאָרט בלאָנזשען אום שיפן מיט ערדישע־אוצרות באלאָדן,
און זייער געפייף ווי א ברכה צו די בויער מיליאָנען —
צו די בויער פון אייביק באוועגנדן בארג —
שיקאגאָ,
שיקאגאָ.

מישיגן בולוואר.

מישיגן בולוואר
דו הארץ פון דער שטאָל און שטיינערנער־שטאָט,
דו מאַכסט קיינמאָל אַן אויג ניט צו.
אויף דיין רוקן,
טויזנטער אַטאָמאָבילן
וואָיען שטענדיק ווי הינט היימלאָזע,
מיט פייערדיקע אויגן,
ווי זיי וואָלטן זינלאָז יאָגן זיך אָן ציל.
און באוואכט ביזטו פון ים'ען עלעקטרישע אויגן
וואָס ברענען דיך דורך מיט זייערע־פייער־שפּיזיקע בליקן.
און פון דער זייט —
ברומען רווישענדיק די יאָגנדע כוואַליעס פון מישיגן לייק,
ווי זיי וואָלטן אויף דיר זייער מורא געוואָרפן,
טאָמער וועסטו דיין ריזן־רוקן נעמען אויסגלייכן
פון דער שווערער און שטאָלענער מאַסע —
אייביק באוועגנדע וואָיענדע הינט —
מישיגן בולוואר!
דו, הארץ פון דער שטאָל און שטיינערנער שטאָט —
שיקאַגאָ.

שלאַכט־הייזער.

שיקאַגאָ —
ווען איך גיב אַ קוק אויף דיינע פון גאָלד געשמידטע גיגאַנטישע שטאָלענע־קופּאָלן
דאַכט זיך מיר, ווי ריזן פאַרהאַנגן פון גראַניט אויסגעגאָסענע לאָזן זיך אַ רונטער–
כדי דו זאָלסט ניט זען אַ שטאָט פון בלוט הינטער דיין רוקן — שלאַכט הייזער,
וואו טויזנט לעבנס ווערן אויסגעלאָשן אין אַ שעה—טויזנט לעבנס
וועלכע ווילן פּונקט ווי מיר ניט שטאַרבן — בעטן, בעטן.
נאָר דער קאַלטער שטאָל — דער חלף
באַוועגט זיך טויזנט מאָל אַ שעה —
ווערן טויזנט לעבנס אויסגעלאָשן אין אַ שעה —
טויזנט לעבנס — הויכן אויס די לעצטע אָטעמס
מיט אַ קאַלטן שטומען ציטער,
מיט אַ קאַלטן רויטן ציטער —
שאַ! —
און ווידער, ווידער הייבן אוינגן אָן צו בעטן מיט ניט אַרויסגערעטע ווערטער.
און ווידער, ווידער הייבט דער קאַלטער שטאָל זיך אָן באַוועגן —
טויזנט מאָל אַ שעה,
טויזנט מאָל אַ שעה —
אָט אזוי. — שעה נאָך שעה — שעה נאָך שעה —
טויזנט לעבנס אין אַ שעה —
טויזנט לעבענס —
שאַ! — —

די שטאָט ביינאַכט.

מיט א האַנט־באַוועגונג,
און די שטאָט ווערט אין פייער־שלייערן געהילט.
ווי גאָט האָט באַשאַפן טויזנטער וועלטן מיט א באַוועגונג פון האַנט,
פונקט אַזוי צינט זיך אָן פון ים'ען עלעקטרישע אויגן די שטאָט
און פאַרביק זיי שפּיגלען זיך אָפּ אויף שויבן מיליאָנען!
ווי זיי וואָלטן זאָגן:
מיר זיינען באַנאַכטיקע זונען —
די טאָגיקע זון צו פאַרבייטן.

שטייען קופּאָלן פון טורעמס און שמייכלען זיך גאָלדיק,
און וואַרפן פאַרחלומ'טע בליקן צו די כוואַליעס פון מישיגן לייק,
און טובל'ען זיי אָפּ מיט זוניקער פרישקייט,
פון מיליאָנען עלעקטרישע ליכט —
שיקאַגאָ.
שיקאַגאָ.

די שטאָט

גיגאַנטיש ווייט צעשפּרייטע ריזן־שטאָט!
איך קוק אָף דיינע, אויביקפליגלענדע טורמס—ווי בערג אָנגעוואָרפּנע
און טראַכט:
דיין באָדן—דיין מיילן־ווייטער באָדן אונטער דיר—ליגט מאַכטלאָז—
אין קייטן טויזנטער געקלאַמאַרט
ווי פאַרשאָלטן אַז אויביק, אויביק זאָלסט באַוועגלאָז זיין —
און ליגסט געשמידט,
און ליגסט געשמידט.

זיינען דורות פיל פארגאנגען,
ביז אף דיין רוקען זיינען אויסגעוואקסן
פעלזן, פעלזן אין מיליאָנען,
און צעפליגלען זיך אַלץ העכער, העכער!
און צעפליגלען זיך אַלץ ברייטער, ברייטער!
ביז עס האָבן דיינע גבורה'דיקע־עכאָס פון שטאָלענע־רופן
אין ווייטע ווייטקייטן צעברילט זיך, און צעקלונגען;
האָבן ים'ען, ים'ען בויער זיך געבוואַליעט,
און דיין באָדן טיפער, טיפער אַלץ געגראָבן;
האָבן טייכן זיך צעגאָסן אף דיין רוקן,
און ווי נעצן אויסגעשפרייטע —
באנען, באנען, באנען.
און וואו פריער האָבן ווּיסטע סטעפּעס זיך געצויגן,
און וואו ניט וואו א פייערל האָט אין א שויב געבלייכט זיך,
וואקס'ן איצטער גיגאנטיש דעמבעדיקע־טורמס,
און פון די שויבן שטראָמען ליכט מיליאָנען —
זיילן פייערן —
פייערן, פייערן — עלעקטרישע־זיילן —
שיקאגאָ, שיקאגאָ!

— — — — — — — — — —

גיגאנטיש ווייט צעשפרייטע ריזן־שטאָט!
איך קוק אף דיינע אויביק פליגלענדע טורמס—ווי בערג אָנגעוואָרפענע
און זע:
ווי דו פליגלסט זיך אַלץ העכער, העכער!
ווי דו פליגלסט זיך אַלץ ברייטער, ברייטער!
און דיין באָדן — דיין מיילן־ווייטער באָדן ליגט מאכטלאָזט,
און מ'גראָבט דיך נאָך אַלץ טיפער!
און מ'גראָבט דיך נאָך אַלץ ברייטער!
שיקאגאָ.

פון דער היים.

דורך טיר און פענסטער שפאלטן, פון די בלייכע אומעטיקע שטיבער
איז עמיצער מיט קאלטע, שטילע, ניט באמערקטע טריט אריינגעגאנגען.
און האט די פענסטער, טירן ווענט, מיט גרויען טיול באהאנגען
און אלע לאמפן אויסגעלאשן — נאר צוויי ליכטלאך —
צוויי בלייכע פייערלאך געלאזט נאר ברענען.
און שטיל, און שטיל אוועק —
אוועק מיט שטילע טריט, פון דער שטיל פארשטילטער שטוב —
אט אזוי — פון שטוב צו שטוב — פון שטאט צו שטאט —
אלע פייערן פארלאשן — אלע פייערן.
ווער ווייס, ווער ווייס, — — — —
אפשר וואו ער איז געקומען האט א שמייכל אויף די ליפן זיך געוויזן.
און מיט א ברכה אים באגעגנט — דעם לעצטן גאסט,
וואס האט דעם לעצטן מאל דעם שוועל באטראטן
פון דער שטיל פארשטילטער אומעטיקער שטוב. —
דער לעצטער אומבאקאנטער גאסט —
דער לעצטער...

פון א בריף.

מיין קינד —
האסט געהערט מע זאָל ניט לאַכן?
יע, מע לאַכט ניט מער ביי אונז...
ווי פאַרשוואונדן איז דער שמייכל פון די ליפּן;
די קינדערלאַך בא אונז — זיי שפּילן זיך ניט מער —
זיי זיינען אַלט געוואָרן.
אַלטע קינדער אין די וויגן — אַלטע, אַלטע:
בלייכע גאַסן, בלייכע הייזער,
בלייכע וועגן,
בלייכע, גרויע מענטשן.
עד, עס ציטערט שוין מיין האַנט פון בלייכקייט —
זיי געזונט מיין קינד.
זיי געזונט מיין קינד.
אַ, גאָט — —

קלינגט אויס

א שטראָם פון בלוט,
א טיפע גרויע נאַכט, וואָס שפּרייט זיך מיילן ווייט,
און ווירבלט אַלץ מיט פינסטערקייט —
דאָס שפּרייזט דער טויט
און הילט אין גרויע שלייערן אַלץ איין.
און הינטער זיך
א טויטע שטומע שטילקייט
פון לעצטע שפּורן וועלכע שטאַרבן,
פון אויגן בעטנדע פארגייען אין דער נאַכט —
פּ ו י ל ע ן !
שאַ!
טויטע נאַכט!
אויף דיינע פליגלען רייט דער זיגער
א באַבלומטער,
מיט שטראַלנדיקע אויגן —
העי־העי!
העי־העי!
קלינגט אויס, קלינגט אויס!
א זיג תפילה צו גאָט;

בן שלום

עס האָט אַ פאָלק זיין חיה־קראַפט באַוויזן
און האָט אַ בלוטיקלאַווע אויסגעשפרייט אויף מיילן ווייט
און אַלץ פארשטילט!
און אַלץ פארשטילט!
שאַ!
און האָט עס וואו זיין רציחה־בליק געוואָרפן
האָבן אויגן זיך געשלאָסן,
און מיט ודוי אויף די ליפּן
האָבן בלייכע ציטערנדע הענט צום הימל זיך געצויגן
און מיט אַ קללה אין נאַכט פארגאַנגען —
דו האָסט געזיגט!
דו האָסט געזיגט!
און פאַר'שכור'ט פון פרייד
טאַנץ אויס דיין קראַקאָוויאַקן טאַנץ
אויף די בלוט־שפּורן פון די שטומע פאַרגאַנגענע אויגן...
און זאָלן די עכאָס פון דיינע גלאָקן
קלינגען,
קלינגען,
„יעשטשע פּאָלסקאַ ניע זגינעלאַ"

און וואָס וועט זיין,
ווען ווי ים'ען מאָל דער ווייזער פונ'ם זייגער וועט באוועגן **זיך**
און יאָרן צענדליקע וועט דורכשטראָמען פאר מיר —
מיט די זעלבע טעמפּע קלאַנגען,
מיט'ן יאוש'דיקן ניגון;
גרוי, גרוי, גרוי,
און איך —
דער שטענדיק זוכענדער,
אויביק ניט צעפרידענער,
ניט האָבענדיק קיין גאָט — ווייסע פרייד,
עס זאָלן מיינע יאוש'דיקע האלב געשטאָרבענע שעהן
העלער, פארביקער זיין,
זאָל אויפבליען באָטש אַ פונק, אַ האָפנונג,
וואָס ס'האָט דאָס לעבן מיך שטענדיק צוגעזאָגט
און אַלץ גענאַרט, און אַלץ גענאַרט.
עד!
וואָס וועט זיין.
וואָס וועט זיין.
און וועט אַ פייערל באַלויכטן ווען מיין איינזאמקייט,
וועט סיי ווי סיי פארלעשן זיך
און פלעכטן וועלן זיך די גרויע וועגן אַלץ פאר מיר,
און שטאַרבן וועלן מיינע טריט אין נאַכט:
פון טאָג צו טאָג, ביז יאָר צו יאָר —
ביז...
און וואָס וועט זיין.
און וואָס וועט זיין.
און וועל איך שוין באַמרונקן זיין פון פרויען־פרייד
און יעדע שעה אַ זייל פון ליכט פאר מיר —
אַ גאָט!
און וואָס וועט זיין.
און וואָס וועט זיין.

האפנונגען...

העי, העי!
איר געגאַרטע האָפנונגן מיינע —
האָפנונגן פון מיין נעכטן,
שפּילט נאָך.
שפּילט נאָך.
און פארוויקט מיך אין חלומות פון אמאָל...

העי, העי!
איר געגאַרטע האָפנונגן מיינע
ניט צערייסט די לעצטע שפּורן,
לאָזט נאָך זיפצן וויינען וואו אַ באַגער,
אַ באַגער
פון מיינע פריערדיקע שעהן,
וואָס האָבן מיין נעכטן — מיין גאָלדיק־רייכן נעכטן
אָנגעזאפט מיט גלויבן פיל...

העי, העי!
איר געגאַרטע האָפנונגען מיינע
לאָזט מיך בלאָנזשן,
בלאָנזשן און פארגעסן
אַז דער שפּעטער איז נאָר נאַכט —
האָפנונגן מיינע — געגאַרטע האָפנונגן מיינע!

פ א ר ג י ב —

אויפן ראַג פון גאַס האָט בלייך אַ לעמפּל ודוי שוין געזאָגט
ווען דיינע אויגן האָסטו איינגעגראָבן אין קאַלטן אַספאַלט פון גאַס —
ווי דו וואָלסט דיין זינד דערפילט,
און מיט אַ ציטעריקע קוים־געהערטע שטימע
געזאָגט אַ לעצטן זיי־געזונט:
פאַרגיב.
פאַרגיב.
און ביסט אַוועק —
ווי טעג געשטאָרבענע אַוועק...
און איך —
שעה'ן, שעה'ן שווער געוואַקלט זיך דורך די נאַכטיקע אויסגעלאָשענע גאַסן
באַגלייט פון ציטערנדע עכאָס פון מיינע אייגענע טריט
וואָס האָבן אויסגעזיפצט:
פאַרגיב.
פאַרגיב.
און די בלייכע ראַג־לעמפּלאַך פון גאַס
האָבן שטאַרבענדיק געזיפצט:
פאַרגיב.
פאַרגיב.

בן שלום

איד.

אַט בין איך.
און קוקט זיך איין אין מיר,
און טיפער, טיפער גראָבט אייערע אויגן אין מיין פנים —
איר ועעט שטריכן פון מיין איינזאַמקייט דערזען...
באַטש אויף מיינע ליפּן ווייט א שמייכל —
קוקט זיך איין אין מיר,
קוקט זיך איין —
איך בין אַ וועלט פאַר זיך אַליין,
קיין יורש פון מיין טאַטן;
באַטש אין מיינע אָדערן פליסט זיין בלוט
דאָך בין איך ווייט פון זיינע וועגן
פרעמד איז מיר זיין טראָט —
איך בין אַ וועלט פאַר זיך אַליין!
קוקט זיך איין אין מיר — קוקט זיך איין.
עד!
ווי יום־טובדיק די וועגן פון מיין טאַטן זיינען געוועז —
זיינע טעג און זיינע וואָכן
זיינען פון גאָט געוועזן באַוואַכט.
אויף זיינע ליפּן האָט א רואיקייט געוויט.
שטענדיק אַ צופרידענער —
אַ רואיקער.
אין אַלץ האָט ער גאָט געזען,
אין אַלץ האָט ער גאָטס לוין געזען —
אַ רואיקער צופרידענער.
און איך —

איך האָב אַליין מיין גאָט פון הארצן אויסגעריסן
און קיין נייעם ניט באַשאַפן;
נאָר גרויע גרויקייטן,
מאָרגנס יאוש'דיקע —
אָט אזוי,
אָט אזוי,
קוקט מיך אָן, קוקט מיך אָן.
און טיפער, טיפער גראָבט אייערע אויגן אין מיין פנים;
איר וועט שטריכן פון מיין איינזאַמקייט דערזען —
אָט בין איך,
אָט בין איך.

ל. גארעליק

איך און דו

איך ווייס שוין

דיין טרער אין מיין בלוט

אויף מיין מזבח

דריי וועלטן

מאַן און פרוי

שיקאַגאַ

מעדיסאַן ,,סטריט״

סעלעסטיא

רויך

פון טיפן צער



פֿאַרטגאָוו

ל. גאָרעליק

איך און דו.

איך בין אַ בייזער איד מיט אומעטיקע אויגן.
און מיט אַ בייזן, בלייכן, אומעטיקן פּנים.
מיין טאַטענס שטרענגקייט
פרעסט זיך הארט אויף מיינע ליפּן.

נאָר אין מיין ברוסט
ליגט איינגעהילט אין צאַרטקייט
מיין מאַמעס גוטע, ציטערדיקע
טויבן האַרץ.

ביסט אַזאַ רואיקע,
אַ מילדע און אַ גוטע.
איך בייזער זיך און שריי אויף דיר.
מיין פּנים ווערט פאַרוואָלקנט
ווילד און הארט.

דערזע איך אָבער דיינע ברעמען ציטערן
און דיין מילדער פּנים
הויבט — ווי ביי אַ בעליידיקט קינד — זיך אָן צו רויטלען—
דערפיל איך באַלד דעם ציטער פון מיין האַרץ
און מיינע אויגן
מיינע אומעטיקע אויגן
ווערן נאַס.

איך ווייס שוין

איך ווייס שוין וואָס פון אַזאַ לעבן איז דער סוף:
פּריצייטיק ווערן אַלט מיט אויסגעקרימטע ציין;
מיד, איינגעבויגן, מיט אַ שוואַכן רוקן־ביין,
אַ ווילד נערוועזער בליק, אָן אומרואיקער שלאָף.

אַט זעסטו זיך אין חלום אַזוי יונג און פריש.
אַ מיידעל בלאָנד און גראַציעז זיך דריקט צו דיר,
אַ לאַנגער קוש — זי פּיבערט אויף פון דיין באַריר
און אַלץ פאַרשווינדט פון אונטער דיינע פיס.

באַלד זעסטו אויף אַ ראָג דיין אייגענעם געשטאַלט —
געבויגן, מיד און קראַנק, די האָר אינגאַנצן גרוי.
און פרויען רייצן דיך און לאַכן: אַט אַזוי
ביסטו פּריצייטיק גרוי, פּריצייטיק־אַלט.

אַט קומט אַ פרוי געקליידט אין ווייס, מיט שוואַרצן קרעפּ.
דערקענסט זי באַלד, זי רופט, דו גייסט וואוהין זי וויל
זי שוועבט מיט דיר און אַלץ אַרום איז אַזוי שטיל.
און פּלוצלונג זעסטו זיך אויף אויסגעקרימטע טרעפּ.

דו גייסט אַרויף, אַרויף עס נעמט גאָר ניט קיין עק
אַ קוויטשעריי פון קינדערלאַך צעקוועטשט אין מוטערס לייב—
וואַרפן שטיקלאַך בלוטיק פלייש און שרייען: קלייב! — —
ביז כאַפּסט זיך אויף פון שלאָף מיט אַ געשריי פאַר שרעק.

דיין טרער איז אין מיין בלוט.

דיין מאמע האָט דיר עפּעס שטיל געזאָגט:
דו האָסט זיך שטיל צעוויינט.
א וויינענדיקע האָסטו א גלאָז וואסער מיר דערלאנגט.
און דיינס א טרער
איז ווי א טראָפּן טוי פון גרינעם בלאט אראָפּ,
געפאלן גלייך אין גלאָז אריין.
א דאָרשטיקער האָב איך עס אויסגעטרונקען.
איך האָב דיין טרער געטרונקען!...
באלד איז דיין טאטע בייז אין שטוב אריין
און בייזערהייט געקוקט אויף מיר — אויף דיר —
עס האָט דיין טרער
גענומען זידען אין מיין בלוט — — —
נור איך האָב זיינע בליקען אויסגעמידן.
און ווי א שכור מיט וואקעלדיקע טריט,
בין איך פון שטוב ארויס.
און איצט איז מיר שוין גוט,
דיין טרער איז אין מיין בלוט:
איך דארף ניט מער!

לאנג, נאָך לאנג האָט אלץ דיין טרער,
געזאָדן אין מיין בלוט
און מיינע ליפּן
האָבען שטיל פאר זיך געזאָגט:
עס איז דיין טאטע בייז?
אָבער איך האָב דיין טרער אין זיך...
און דארף ניט מער.
דיין קלאָרע הייסע טרער!

ל. גארעליק

אויף מיין מזבח.

כ'האָב מיין יוגנט אָבגעברענט
אויף מיין אייגענעם
שטרויענעם מזבח,
מיינע פלאמען
האָבען מיך אַליין פארצערט
און ברענענדיק געזונגען
אַ ליד
פון מיין אייגענער פארניכטונג.
איצט רויכערט זיך עס נאָך;
באַלד וועט עס אינגאנצן זיך פארלעשן
און ס'וועט דאָס ביסל אַש
צובלאָזן ווערן פונם ווינט.
אפשר נאָך
אַ פארבייגייער אַן אויג פארשטעכן.
וועט יענער אויפהויבן זיין ברעם,
אָפּטרערן זיין אויג
אויסשפייען דריי מאָל
און ווייטער גיין זיין וועג.

דריי וועלטן.

דריי ליכטיקע וועלטן צערייצן מיין הארץ,
דריי בלענדענדע וועלטן ארום און ארום;
און יעדע באזונדער מיך מאניעט און רופט,
שמייכלט אוןווינקט:
קום צו מיר, קום!

איינע באווייזט מיר א טיף בלויען רוים,
די צווייטע — א זון אין א שטורמדיקן ים,
די דריטע — א פרוי אין א גאלדענעם שלעפ,
שפארט פון איר הארץ
א רויכיקער פלאם.

וויל איך א שוועב טאן צום טיף בלויען רוים,
לאכט אזוי רייצענד די גאלדענע פרוי,
נעמט ווארפן מיט שטראלן די זון פונם ים;
ווער איך א נארישער
שפילצייג ביי זיי.

פלוצלונג פארטונקלט דער טיף בלויער רוים,
פארשווארצט זיך די זון און ס'ווערט בלוטיק דער ים,
טוט זיך די פרוי א משוגענעם דריי:
דערזע איך דריי קארליקן רונד ארום איר
טאנצען העפ־העפ —
טאנץ איך מיט זיי.

מאַן און פרוי

(פון דער סעריע מאַן און פרוי)

איך ווייס:
איך בין דער מאַן
און דו — די פרוי.
און דו פערלאַנגסט
און זוכסט אין מיר —
מענליכקייט.
און איך אין דיר — די פרוי.
דעריבער פוצסטו זיך
און רייניקסט זיך פאַר מיר.
דעריבער — האַלט איך ריין מיין גוף
און היט מיין קראַפט.
ווייל טאָמער ווער איך קראַנק,
וועסטו דאָך צו מיר פילן,
ווי עס פילט אַ בעל הבית
צו זיין קראַנקן אויסגענוצטן קנעכט.
אָדער צו זיין קראַנקן הונט,
וואָס קאָן שוין אויף גנבים מער ניט בילן.
און אפשר וועסטו גאָר
אויף מיר רחמנות האָבן
וועט עס נאָך ערגער זיין פאַר מיר.

.2

איך ווייס:
דאָס קינד וואָס וועט פון דיר ארויסקומען,
געשאפן פון מיין איך
און פון מיין קראפט;
וועסטו ליב האָבן
צערטליכער און פריינטליכער, ווי מיך.
ווייל איך בין נאָר
א מיטעל צו דעם בלינדן
אויביק דויערענדן ציל;
א געצייג —
אין אַן אונזיכטבארער האנט
צו שאפן — דאָס
שוין מיליאָנען מאָל געשאפענע.
און ווען איך וועל שטארבן,
וועסטו אויפן קבר
פון דעם אויפגעלעזטן אפאראט,
אויף דעם שאפער פון דיין קינד
אפשר אוועקלייגן א בלום,
ארויסלאָזן א טרער,
פארגעסן און פארפוצן זיך
און אָנהויבן אַן אנדערן צו זוכן.

.3

ס'האָט עמיצער, אין אַ קאַפּריז,
אַ זאָג געטהאָן:
מאַן און פרוי
זאָלן זיך שטענדיג יאָגן איינער נאָכן צווייטן!
דעריבער לויפט דער העלד אין שלאַכט,
און דער דיכטער שאַפט זיין ווערק.
און ריידן מיר פון פּאָעזיע און מוזיק
פארשענערן מיר נאָר אין אונז
די אור, אור אַלטע חיה
איז עס נאָר אַ ביסעלע
פארפּיום אויף אונזער בעט;
באַפּוצן מיר דאָך נאָר דערמיט
צוויי ווילדע
היים צאַפּעלדיקע לייבער.
ווייל —
אַלץ, פון וואָס מיר דענקען
און מיר טוען,
טרייבט
צום זעלבן ציל
און סופט דעם זעלבען סוף.

.4

די בליאונג
פון א נייעם.
אָנקומענדען לעבען,
האָסטו אַזוי באַרמלאָז
אין זיך,
צונישט געמאַכט.
מיר האָבען אַזוי ווילד
געפרייט זיך און געטאַנצט,
ווען דו האָסט די בשורה געבראַכט,

אַז ס'איז שוין ניטאָ מער די זריעה אין דיר.
אַזוי ווי די ווילדע,
וואָס פלעגן זיך פרייען און טאַנצן
מיט פויק און טראָמפּייט,
ווען זיי פלעגען אַ קינד
אַלס קרבן צום אָפּגאָט פאַרברענען;
אַזוי האָבען מיר זיך געפרייט,
ווען מיר האָבען אַ קינד
אַלס קרבן געבראַכט,
צום גאָט פון פּראָגרעס...

.5

דיין מאַמע טרייסט
און צערטעלט דיך מיט אירע רייד
און ליבט דיך,
ווי אַ חיה ליבט איר קינד.
בויגסטו איין דיין קאָפּ
און אונטער אירע צערטליכקייטן,
פילסטו אַזוי גוט
און פאַרגעסט אָן מיר,
וועמען דו האָסט נעכטן ערשט
אַזוי פיבערהאַפט געקושט.
דערפילסט זיך פרעמד צו דעם
אין וועמעס לייב
דו האָסט ערשט לעצטע נאַכט
איינגאַנצן זיך פערלאָרן,
און איך, וואָס האָב מיין מאַמען
שוין פון לאַנג פאַרלאָרן
און איר קול
קלינגט שוין אַזוי ווייט,
ווי אַ ווידער קול,
אין מיינע אויערן —
וואָס זאָל איך טאָן,
ווען איך דערפיל זיך
פרעמד צו דיר?

ל. גארעליק

(פון דער סעריע שיקאגא)

ש י ק א ג א.

.1

ס'איז דיין הימל אזוי גרוי און רויכיק
און די גאסן שמוציקע און ברייטע;
שפילן קינדער זיך און טאנצן אין א רעדל
און נעבן זיי א קעצל ליגט א טויטע.

דוכט מיר, אין דיין טומעלדיקן אויר
מכשפות פליען אום און שרייען;
שפרייטן פון די שלאכט־הייזער דעם ריח
שילטן זיך און רויכערן און שפייען.

מעדיסאן סטריט.

.2

איך טראכט:
דא האט אמאל א שד
ערגעץ אין א שמוציקער אלייע,
א גרויסע זינד פארזייט.
און ס'האט צובליט זיך
אין דער לענג און ברייט פון גאס.
אויף יעדן ראג
שכורים וואלגערן זיך אום
און מיידלאך אנגעפארבטע
ווינקען צו פארבייגייער.

ל. גארעליק

אן אלטע הינקענדיקע פרוי
מיט א פארברוינטן פנים,
אויגן גלאנציקע און שפיציק
מיט א גרינעם היטל אויפ'ן קאפ
שלעפט זיך אויפן טראָטואר.
און ביי איר זייט אן אלטער שכור
קייט, זידלט זיך און שפייט.

פון א ביר־הויז
טראָגט זיך א פאר'שכור'טער געזאנג,
געמישט מיט גלעזער־בראזגעריי
און הייזעריקן מיידעלשן געלעכטער.

אויף א ראָג:
שטייען פרומע, גאָטספאָרכטיקע שוועסטער
מיט פייקלאך אין די הענד,
און זינגענדיק און טאנצענדיק
מאטערן זיי זיך צו ראטעווען נשמות.
ניט ווייט פון זיי
א מיידל, מיט א ציניש געלעכטער
ווינקט צו א פארבייגייער.

און די גאָטספאָרכטיקע שוועסטער,
קלאפן אין די פייקלאך און זינגען:
הא־לע־לו־יאָ!
גלאָרי, גלאָרי,
הא־לע־לו־יאָ!

ל. גאַרעליק

סעלעסטיא.

אויף אַ גאַניק זיצט זי
און אירע גרויסע שוואַרצע אויגן
קוקן פערבענקט,
ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט.
מסתמא צו די איטאַליענישע
פעלדער און לאַנקעס.

אין פענסטער
פון אַלטע אָפּגעקראָכענע הייזלאַך
זיצן מענער;
מיט שוואַרצע וואָנצן
און ליידענשאַפטליכע אויגן,
פאַרטיפט אין קאָרטן־שפּיל.

און אויף די שוועלן —
ווייבער מיט צעפּאַטלטע האָר
און געעפנטע בוזימס
מאַכן מיט די הענט און שרייען.

אויפ'ן טראָטואַר —
קינדער מיט גראָבע בייכלאַך
און אויסגעקרימטע פּיסלאַך,
ראָיען זיך אין די אָנגעוואָרפענע
שטיקלאַך צופוילטע פרוכט
און אָפּפאַל פון פאַרשיידענע גרינסן.

פון אַ פענסטער טראָגט זיך אַ געזאַנג,
פון אַ ביליגן פאָנאָגראַף,
און מישט זיך אויס
מיט די טענער
פון אַ באַלאַלייקע.

און די פאַר׳חלומ׳טע
שוואַרץ־אויגיקע מיידל
זיצט
און פון איהר האַלז
גיסט זיך שטיל און אומעטיק דאָס ליד:
אָ, מאַרי! אָ, מאַרי!

.3

HOME

(אַ סטאַטוע אין האָמבאָלדט פּארק)

שטייגט די זון אַלץ העכער, העכער,
גילדן בוימער זיך און דעכער;
הילן וואַלד און פעלד זיך איין
אין אַן אָרענדזש גאָלדנעם שיין,
אַלץ האָט מיטן טאָג ערוואַכט
גייט אַ ריז צום קוילן־שאַכט.

גאָט האָט אונז דעם טאָג געגעבן
זיך צו פרייען און צו לעבן.
פויגל זינגען, אויפ'ן גראָז
שטיפּט און טאַנצט אַרום א האָז.
אַלץ באַגריסט דעם טאָג מיט פרייד
ער נור גייט צעקלעמטערהייט.

מיט זיין קינד זיך אָפּגעזעגנט
און די ליבע זון באַגעגנט.
אַלץ אַרום אים טאַנצט און לאַכט,
ער נור גייט צום קוילן־שאַכט.
מיטן לעמפּל אויפן קאָפּ
לאָזט ער זיך אין שאַכט אַראָפּ.

זיינע אָרמס גרויס און מעכטיק,
נאָר זיין פּנים מיד און קנעכטיק,
און מיט זיינע שטאַרקע הענט
האַקט ער קוילן פון די ווענט.
שטייט א ריז אין טיפער שאַכט
הילט אים איין א לאַנגע נאַכט.

טראַכט ער מיט א בליק א שטומען,
צי וועט ער צוריק נאָך קומען
צו זיין ליבן שיינעם קינד,
צו דעם שטילן צאַרטן ווינט,
צו דער זון, צום וואַלד און פעלד,
צו דער גרויסער שיינער וועלט.

נור אין טיפע קוילן־שאכטן
איז ניטאָ קיין צייט צו טראכטן.
אונטער זיינע ריזן־הענט
פאלן קוילן פון די ווענט.
אונטערן שווארצן קוילן־דעק
גייט אין שאכט א טאָג אוועק.

אויף א כוואליע קאָרן־זאנגען
איז דער טאָג שטיל אויסגעגאנגען.
מיט א הארץ פון פיין צעגליט
איילט דער ריז מיט שווערע טריט.
איילט ער זיך אהיים געשווינט
צו זיין ליבן שיינעם קינד׳

קומט דאָס קינד אים אָן אנטקעגן,
קען פאר פרייד ער גאָר ניט פרעגן.
פאלט אויף זיינע שטארקע קני,
דריקט זיין קינד צום הארצן צו.
דוכט זיך אז ער אטעמט שווער
און ס׳זידט אין אויג א גרויסע טרער.

רויד.

.5

רויך און פלאם — —
אט האב איך דיך געפונען אין א טאל
דו זיצט און קוקסט;
עס בלאנזשען דיינע אויגן ווייט אוועק.
עס רויטלט זיך דער הימל פון א פייער,
וואס איז געמישט מיט רויך און קופער פארב.
דארט גיסן מענשן פאר דער וועלט דאס גליק.
עס טויכט און הויבט זיך אויף
און ס'לויכט דער פייער דורכן רויך
און טאנצט א שדים־טאנץ.
און אפשר לאכט דער פייער איצט פון דיר?
וואס טוסטו דא?
עס ליגט דיין האריץ געשמידט און דיין געדאנק
דיך רופט צום בארג
וואס הויבט זיך אזוי הויך און גרין
אין דיין געדאנק צום הימעל אויף.
נור דורך די בוימער זעט זיך רויט דער פלאם
און רויטער ווערט עס אלץ;
און ס'וויקעלט זיך פון ברענענדיקן רויך ארויס
און גאוה'דיק צום הימל הויבט זיך אויף
דורך דער נאכט,
דער גאט פון זודיקן מעטאל.
און פונקען טויזענטער באלייטן אים
אין פייערדיקן רייט־וואגן
ארויף — — ארויף — —
א, גאט פון זודיקען מעטאל!
עס פלאקערט אויף מיין האריץ,

דאָך איז צו שוואַך דער פלאַם,
וואָס זאָל מיך דורכ'ן רויך אַזוי ווי דיך
דערהויבן צו דער הויך,
און אַט אַזוי,
אַט זיץ איך דאָ אין שפּעטער נאַכט
און קוק צו דיר אַרויף.
מיר דוכט, דו לאַכסט פון מיר:
וואָס טוסטו דאָ?
עס גייט דאָ זעלטן אויף די זון פאַר דיר
און גייט זי אויף פאַרטונקל איך זי באַלד.
עס האָט דאָך יעדער זיין אָרט:
איין פויגל האָט זיין נעסט,
אַ צווייטער זיינע פליגל ברייט און שטאַרק;
נור דו ביזט ווי אַ יתום־קינד
גיט הין גיט הער:
זיצסט אין טאָל
און ס'בענקט זיך דיר צום גרינעם באַרג.
נור דורך די בוימער ווייז איך זיך צו דיר,
איך, גאָט פון זודיקן מעטאַל!
און צו דער אייזן שטאַט
האַלט איך דיך פעסט געשמידט.
עס פלאַמט דיין האַרץ און צאַפּלט זיך
צווישן זון און רויך.
צי וועסטו אָט אַזוי שוין אָפּקומען דיין וועלט?
און אין דער אייזן שטאָט
צעבלאָזן דורכ'ן רויך דיין טרוים?
אָדער וועט דיין האַרץ זיך אָנצינדן
מיט העלן פלאַם
און באַלייכטן העל
דיך, דיין וועלט
און אַלעמען אַרום?
און דורכשיסן דעם רויך
און קומען —
ווי אַ בליץ אין שטורמדיקן רוים?

ל. גארעליק

פון טיפן צער.

א

דו ביסט דער רויטער האָן, וואָס וועקט די וועלט פון שלאָף;
דו קרייסט און ברייגנסט דעם טאָג דער וועלט אין בעט אריין,
און פון דיין קאָם שלאָגט אָפּ דער רויטער מאָרגן־שיין
נו, בייזערט זיך די וועלט: וואָס שטערסטו מיר דעם שלאָף.

עס בייזערט זיך די וועלט און שעלט דיך און דעם טאָג;
זי שלאָגט און שניידט פון דיר דעם רויטן קאָם אראָפּ —
עס רינט דאָס בלוט און וואונדיק ווערט דיין קאָפּ;
עס קוילעט דיך די וועלט פאר ברייגנען איר דעם טאָג.

ב

זיי האקען אייער פלייש, די קעפּ אייערע פאלן,
זיי לאָזען אייער בלוט אין רינשטאָק רינען,
איר קענט קיין הילף אין ערגעץ ניט געפינען,
עס שטראָמט שוין אייער בלוט אין זידענדיקע קוואלן.

און מיר פערצווייפלט לאָזן קעפּ און הענט ארונטער,
א טרער אין אויג, א קללה אויף די ליפּן,
א ווילדער אויסגעשריי, א ציטער דורך די ריפּן,
מיר קוקן דאָ אין שטייג ווי איר גייט דאָרטן אונטער.

ג

איך פיל זיך דאָ ווי אַ געבונדענער ריז,
פאַרשלאָסן אין שטייג און צובראָכן די שפּיז.
דערהער איך דאָ אייער געשריי
צערעוועט מיין האַרץ זיך פאַר וויי,
נו, פאַל איך פאַר צער אויפן האַרטן גראַניט
נו, קריץ איך ביז בלוט מיינע ציין
און בלוטיק מיין קאָפּ אויפ'ן שטיין
נאָר העלפן קאָן איך אייך ניט.

ד

ברודער מיינער,
אומגליקליכער ברודער מיינער.
קומסט ביינאַכט צו מיר,
שטעלסט זיך ביי מיין בעט;
אַ שוואַרצע ליכט אין האַנט.
פון דיין געקרייציקט האַרץ,
פליסט אַ רויטער שטראָם.
ווייזט מיין שוועסטער מיר
זי שטייט און ברעכט די הענט
די אויגן צו דער ערד,
איך כאַפּ זיך אויף פון שלאָף,
זעץ זיך אויף אין בעט,
פאַרברעך די הענט און וויין:
ברודער מיינער,
אומגליקליכער ברודער מיינער!

1920

זינערמאַן

ברוך גאָלדהארט

מיט דיין שמייכל, מיט דיין פייער...

פון אַ וואַנהערער — אַ שכור...

דאָס שפּיל פון קאַץ און מויז...

ברויט און מעסער...

איך בין אַ מאַלער...

ברוך גאָלדהאַרט

פון דער סעריע ,,געזאַנג פון בלוט״

מיט דיין שמייכל, מיט דיין פייער...

שוואַרץ־אויגיקע דו,
געבענטשט זאָלסטו זיין!
פון דיין שמייכעלע אַרום די ליפּן
קריכט אַראָפּ אַ שלאַנג
און שליינגלט זיך,
און שליינגלט זיך אַריין
צו מיר אין בלוט...
פון דיין טונקל־סאַמעטענעם קערפּער
פליסט אַרויס אַ ברוינער פייער
און צעגיסט זיך ווי אַ סם אין אַלע מיינע גלידער —
מיט דיין שלאַנגען־שמייכל אין מיין בלוט
זויג איך אויס דאָס זיסע בלוט פון דיינע ליפּן,
מיט דיין ברוינעם פייער גליהענדיק אין מיינע גלידער
ברען איך און פאַרברען דיין קערפּער...

* * *

געשען איז דאָס אזוי:
איך בין ווי אַ וואַנדערער צו דיר געקומען;
געזוכט האָב איך:
אַ פריילאך פייערל זיך אָנצואווארימען,
אַ פרישן קילן קוואַל —
אַ טרונק צו טאָן
און ווייטער, ווייטער וואַנדערן;
באַ אַן אַנדער פייערל
זיך ווארימען
באַ אַן אַנדער קלאָרן קילן קוואַל
מיין דורשט לעשן... —
האָסטו מיך אויפגענומען ווי א גרויסן, לאַנג געגאַרטן גאַסט,
מיט ציטערניש און פלאַטערניש
האָסטו צעצונדן און צעלייגט אַ גרויסן פייער...
און מיר געגעבן טרינקן פון דיין רויטן, שטאַרקן וויין...
איצטער — —
בין איך ווי א שכור
וואָס וואַלגערט שטענדיק זיך ארום
אַ באַזויפענער ארום זיין שיינקל,
און עס ציט אים, ציט אים, ציט אים
נור צום טרינקען
און צום טרינקן
אַזש פארברענט צו ווערן!...

דאָס שפּיל פֿון קאַץ און מויז...

שוואַרץ־אויגיקע, טונקעל־הויטיקע דו!
איך בענטש דיין קומען
אין דער שפּעטער נאַכט שעה:
ווי אַ שוואַרצע קאַץ
שאַרסטו זיך אַריין צו מיר
אין פֿינסטערן צימער
שטיל,
שאַרכנדיק,
מיט גרינע פֿייערלאַך אין דיינע גרויסע אויגן
מיט לאַסקעס אין דיין בויגעוודיקער, כוואַליעדיקער טאַליע,
מיט רויטן זינגענדיקן בלוט אין דיינע אָדערן,
מיט תאווה־סם אין דיינע זאַפּטיק־פולע ליפּן,
און מיט שאַרפע בליסטשענדיקע ציין, און נעגל
צו בייסן, רייסן פֿאַסן לייב,
און איך —
מיט ווילדער וואַנזין־פֿרייד —
נעם אויף מיט דיר דאָס שפּיל
פֿון קאַץ און מויז...

ברויט און מעסער...

שוואַרץ־אויגיקע, ברוין־לייביקע דו!
דו ביסט ווי דאָס שוואַרצע, זאַפטיק־פרישע קאָרן ברויט,
און איך —
ווי דער שאַרפער קלונג פון מעסער.
יעדן טאָג
וואַרט אויף מיר דאָס יונגע, פרישע, הייסע אוונט־ברויט
און גאַרט אַז איך זאָל קומען
און זעטיקן מיט דעם מיין הונגער...
און אָ!
ווי עס ציטערט,
ווי עס פלאַטערט.
ווי עס צאַפּלט זיך און גליטשט זיך
אונטער מיינע הענט
און
ווי עס קרעכצט פון פיין און תענוג
ווען עס דערפילט
דעם טיפן שאַרפען שניט פון הלף.
דעם יונגן, פרישן קאָרן ברויט
איז ליבער שוין אַזאַ מין טויט
איידער
פאַרטריקנט ווערן און זיך וואַלגערן אין קויט...

ברוך גאָלדהאַרט

איך בין אַ מאָלער...

איך בין אַ מאָלער —
איך טונק מיין פּענזל אין דער בלוט־און־פייער פאַרב
פון תאווה
און איך מאָל מיין לעבען;
גייט עס אויף —
ווי אַ יונגע העלע זון אין זומער;
וועבן זיך די שעה'ן מיינע —
שפּילעווידיק און בלענדנדיק —
ווי אַ נעץ פון פיל־קאָלירנדיקע שטראַלן.
און זאָל מיין לעבן אונטערגיין
אין תאווה
וועט עס זיין —
פאַרביק און קאָלירנדיק
ווי אַ שיינער זונען־אונטערגאַנג אין זומער...


HA.N.
Siegerman

מתתיהו דייטש

מורא

דאָס נייע הויז

קווינסי

באַזגלאָקן

אסי'אנער מאָטיוון

ווי אַ ברודער

איך און גאָט

אַזוי

אין צער

געטראָפן

ביינערנע עכאָס

אַט פּונקט אַזוי

ערדלינא

מתתיהו דייטש

מ ו ר א .

נאכט.
אין אַ שטאָט פון לויטער מענשן
האָבן מענשן זייער גוטס
אין פייער־קאַסעס פארשלאָסן
און אַליין, מיט עלעקטרישע שטראָמען,
זיך אויך אַוועקגעטראָגן
צו באַהאַלטן זיך הינטער שווערע ריגלען —
און טאָמער איז נאָך ווייניג דאָס,
האָבען זיי עלעקטרישע לאָמפּן,
אין סאַמע צענטער פון די געשעפטן,
פאַר אַ שמירה ברענגען געלאָזט —
און אויף די ראָגען — פּאָליציי.
אָ, נאַכט וואָס שרעקסטו אַזוי, נאַכט
און שאָקירסט אַזוי דעם מענשנ'ס גלויבן
אין אַ שטאָט פון לויטער מענשן?...

דאס נייע הויז.

עס איז נאָך ביים מענשן פון גרויסשטאָט
אַ טראָפּן פון גלויבן פארבליבן —
איז ער אין פארביקע שטיקלאך פּאַפּיר.
און דארף מען דעם גלויבן פארהיטן?
מאַכט מען אויסגעהאַקטן שטיין — אַ מויער;
און אויסגעשליפענעם שטאָל — אַ טיר.
ביי די זייטן — בענק; און אין צענטר — טישן.
זיצט מען אויף די בענק און מ'קלערט זיך רעיונות
וואָס רייצן ווי רויך־רינגען פון קטרות...
און ביי די טישן — אָנגעלענטע מיט מורמלענדע ליפּן —

רעכענט מען און מ׳כפל׳ט דעם סך־הכל...
אין אָט דעם הויז — ווי צום גרעסטן היילקטום —
קומען טאָג אויף טאָג מענטשן פון גרויסשטאָט
אויף צובאַפּעסטיקן זייער לעצט ביסל גלויבן.
די טישן, ווערן קיינמאָל ניט אָפּגערוימט
מיט די חפצים וואָס ליגן פאַר די מענטשן אָנגעבריייט
ווי אַמאָל, אין גאָט׳ס הויז, דער שלחן מיט׳ן היילקבערויט—
דאָס גאַנצע הויז—האָט אַלע פאָרמען פון אַ שול־היילקייט:
מענטשן לויפן פאַרזיכטיק אַריין און אַרויס
אינ׳ם שטיין־אויסגעהאַקטן און אייזן־געשמידט הויז
און מורמלען — ווער בצבור און ווער — ביחידות
אַ שטילינקן שעפּטשן מיט גרויסער כונה,
וואָס שליסט אין פאַרטיטור פון מענטש־געמורמעל זיך איין,
וועלכער האַלט אָן פון שחרית ביז מעריב.
אָט אַזוי, זעט אויס ביי טאָג, דאָס נייע הויז.
ביי נאַכט — ווערט עס איינגעהילט אין היילקייט
און נעמט אָן אַלע פאָרמען פון אַ היילקטום:
לאָמפּן — אויסגעלאָשן איינער נאָכ׳ן צווייטן,
לאָזן שטיקער שוואַרץ־טוך — נאַכט הענגען...
און בלויז איין איינציק לעמפּל
הענגט זיך לייכטנדיק איבער׳ן אָרט,
אַ־וואו דעם מענטשנ׳ס גלויבן, פון גרויסשטאָט,
ליגט קראַנט זיך, פון אַל־דאָס־בייז, באַשירעמט;
באַוואַרנט מיט מויער און אייזן־מאַסע.
און פונקט, ווי אין מזרח דער היילקער נר־תמיד, —
ברענט ליכט—נאַכט אויף נאַכט—פאַר דער פייער־קאַסע...

קווינסי.

אָ קווינסי — אייזערנער לעמפּערט־געשטאַלט!
האָסט אַמאָל אַ ווילדע הייל געמוזט זיין
פאַר ריזנהאַפטע געפלעקטע לעמפּערטן...
ניט פאַראַן ווער ס'זאָל געדענקען דאָס
און דערציילן פון די לעמפּערט'ס ווילד־בושעוועז,
דאָך, לאָזט זיך דאָס נאָך מערקן איצט! —
ווען די לופט אין דיין חלל ווערט אויפגעריסן
פון קאַרן און אויבערבאַנען, אויפ'ן און הינטער דיין בריק —
וואָס טאַלאַפּטשען די עלעקטרישע עמאַצי אויף מיט בליץ־ווירבל —
ווערסטו אינ'ם עלעקטריש־צעבושעוועטן גאַלאָפּ —
איינליך צו אַ געשטרייכטן אויפגעברילטן לעמפּערט!
דיין אייזן־געצווייגענע בריק־לענג —
דורך וועלכער עס זייערט זיך דורך זון־פלעקן,
פאַסן ליכט־שימער מיט וויברירענדן געשפּרינקעלטן שטויב —
פאַרקערפּערט אין זיך — די גאַנצע איינליכקייט פון א לעמפּערט!
דיין הייל־באַוואַרנונג האָבן איבערגענומען — די אייזן־סלופּעס
און ווי ווילדקרויט טוען זיי שווער מאַכן
דעם צוגאַנג פון דיין פאַרבאָרגענעם מיטעלפּונקט!
די באַרעלסטע אייזן־בריק — דעם גרילץ־געברילן!
די קאַרן און באַנען — דעם גאַלאָפּ־שוואונג!
אין דיין גאַנצן אייזערנעם בריק־צוג, אָ קווינסי,
ליגט אַ לעמפּאַרטישע געשטאַלט פאַרגליווערט...
און מענשן וועלכע דאַרפן דיר פאַרבייגיין
ווערן אַריינגעכאַפּט אין אַ נעץ פון מורא...

באַן־גלאָקן.

באַן־גלאָקן פרימאָרגן — באַן־גלאָקן.
באַן־גלאָקן בייטאָג — באַן־גלאָקן.
באַן־גלאָקן ביינאַכט — באַן־גלאָקן.
באַן־גלאָקן — דורך באַן־גלאָקן
קלינגען אויס גלאָקנדיג,
גלאָקן אויס קלינגענדיג,
דאַמפן אויס פּאָכנדיג,
די גרויסשטאָטישע אייזן־וויבראַצי:
גלאָקערייַ מיט דאַמפן־ציש,
רעדער־געברילֿ מיט רעלסן־געברום,
וואַגאָן־געקלאַפּ מיט לאָקאָמאָטיוו־געפּאָך
ווירבלען אויף און פאַריאָגן מיט עלעקטרישע בייטשן
די געלאַסענקייט פון לעבן,
כדי די רעשט פון פאַרבליבענער רו
אָוועקרויבן און דערוואַרגן...
דער חלל פון דער שטילגעוואַקסענער אָנגעפילטער שטילקייט
איז פאַרשטאָפּט געוואָרן מיט אייזן־געשריי
פון קריץ־ריצענדן מאַשין־געבריל און עלעקטריציטעט.

באַן־גלאָקן פרימאָרגן — באַן־גלאָקן.
באַן־גלאָקן בייטאָג — באַן־גלאָקן.
באַן־גלאָקן ביינאַכט — באַן־גלאָקן.
באַן־גלאָקן — דורך באַן־גלאָקן
גלאָקערן אויס גלאָק־גלאָקנדיג,
די אויגעבריליטע רולאָזיקייט פון אומרו ;
די ריטם־לאָזיקייט פון אויפגערעוועטן מעטאַל.

אַט דאָס איז אַ ליד! —
אַ ליד — פון מעטאַלענער מאַכט;
אַ ליד — פון עלעקטרישער גבורה;
אַ ליד — פונ'ם מענשנ'ס אייזערנער פויסט —
דאָס לעצט־באַקרעפטיגסטע געזאַנג פוןֿ אונזערע טעג,
וואָס ווערט מיטגעזונגען מיט אַלע העפטיגע קלאַנגען
פונ'ם ערדישן קלאַנגען־פאַל...
געבענטשט און געלויבט זאָל עס זיין
צעשטערט און פארשאָלטן —

אסי'אנער מאַטיוו:

רעגנ־וואַסער אויף זיך צו טובל'ען.
אַ פלאַקסן טוך זיך איינצוהילן.
זאָלסטו תמיד דיין קנעכט באַשערן —
בורא מיינער, אָ, בורא מיינער.

קערנער, קרייטער — דעם גוף דערנערן;
און צייט, אַ צייט, צו זען דיין שענקייט,
שליסט איין אַלעם אין מיין באַגערן —
בורא מיינער, אָ, בורא מיינער.

אין ברייטן מדבר — ווייט פון טומל,
וואו דיין גרויסקייט איז זאַמד און הימל,
אַכפּערט דיר דער אסי מיט ליבונג —
בורא מיינער, אָ, בורא מיינער.

רעגנ־וואַסער אויף זיך צו טובל'ען.
אַ פלאַקסן טוך זיך איינצוהילן.
קערנער, קרייטער — דעם גוף דערנערן;
און צייט, אַ צייט, צו זען דיין שענקייט —
בורא מיינער, אָ, בורא מיינער.

ווי אַ ברודער.

ניט מיט׳ן בייזן געשריי פון אַ נביא
און ניט מיט זיין שטראָף־שניידענדן בליק,
קום איך צו אייך, אָ, ברידער.
מיט אַ ווײנענד־פארשטיקטן קול פון אַ בעל תשובה,
מיט אַ הבל הבלים׳דיקן און חרטה־תחנונים׳דיקן בליק
דערפּויזע איך צו אייך, אָ, ברידער,
ברידער פון פארווירטע שלייכן —
און פון טויזענט מאָל צום טויזענטסטן
איבערגעטראַכטן, איבערגע׳אפשר׳טן און איבערגעטאָמערטן
פארלירנדן און ווידער־געפונענעם טייך
מיט־זיך־טרענקענדע ספקות —
אָ, ניט מיט׳ן בייזן געשריי פון אַ נביא.
ניין ברידער; ווי אייערס גלייכן.
ווי איר אַ פארדאָרבענער.
ווי איר אַ פארפעסטעטער
מיט ראפינירטע מענשליכע נערוון
און גרויסשטעטישע ציוויליזירטע חלאת׳ן,
קום איך צו אייך.
מיט אַ מרה שחורה׳דיקן אָנבליק
און מיט בערגיק־געביינטע פינגער,
רעד איך צו אייך:
קומט אַוועק!
צוריק!
ביזוואַנען איז דער שיעור?...
טאַקע, ביזוואַנען?! —
אָ, גאָט מיינער, אייערער אויך.
אייערער (?)
איך פארשטעל זיך מיין פּנים מיט די הענט
און זינק,
און קני,

און ביק זיך
ווען צווישן די פינגער־שפּאַרעס —
דורך דער בלוטזיכטיקייט
פון מיין פינגער־הויט —
דרינגט אריין ליכטטראָפּנס
פון זיין שיין וואָס האָב דערקענט,
וועלכע מאַכט מיר אַזוי גרינג —
און אויך אַזוי זיכער אין אים —
בורא מיינער, אָ, בורא מיינער — — — —

איך און גאָט.

אָ, דו! —
דו וועמען די מענשהייט האָט באַטיטלט
מיט'ן טרויער־קלינגענדן וואָרט „גאָט" —
האָסט באַשאַפן וועלט און מענשן;
מענשן און ווערעם —
ניט אויסרעכענדיק און באַשטימט־וויסנדיק
(אין־פאָראויס)
דעם ציעל פון דיין שאַפעריש־פאַרלאַנגטן ווילן;
און אויך ניט געוואוסט צימאָל
פונ'ם מענשנ'ס איצטיקער שטופע —
אַ מדרגה צו וועלכער דיין רצון
האָט גאָרניט בכוון'דיק געוואָלט דערהויבן —
אויך ניט קיינע מדרגות...
האָסט ניט געוואוסט און ניט געקלערט וועגן דעם
אין דיין דאַמאָלסדיקער סטיכיש־שאַפענדער דראַנגליכקייט —
(דיין שאַפענדע דראַנגקייט איזאָלירט איז
פון דיין באַוואוסטזיין און ווילן) —
און אפילו ניט וועגן „מיר",
אַז „איך", אָ, דו בורא מיין בורא,
איך, וועל אַמאָל פון דיר באַשאַפן ווערן —
פון דיין פּראָטאָפּלאַזם אויסגעבריט ווערן
צו מיין איצטיקער אויסגעשטאַלטקייט, אָ גאָט מיינער, גאָט;
און קלערן פון דיר, אָ אורקרעאַטור פון אַלע וועלטן;

און טראכטן וועגן דיין גרויסטון, אָ בורא מיין בורא;
און דענקן איבער זיך און איבער'ן גאַנצן קאָסמאָס —
דיין אומדערשעפּליכער אינהאַלט
וועלכער איז דאָס פּאָרבילד, דער מאָדוס פון דיין אָנזעון;
פון דיין דערקאַנטער עקזיסטירנדער אַלמעכטיקייט — גאָט...

דו —
לעבען און טויטברענגער צוגלייך;
דו, וועלכער האָסט באַשאַפן גרויסזונען און וועלטן
דו האָסט דיין מעכטיקע גאָטשאַפליכקייט מטריח געווען
צו זיין די סיבה פון מיין מענשווערענדן פּאַסאַן
וועלכע איז נאָך אַלץ פול
מיט אַ רויפלייַשיקער ענליכקייט צו אַ וואָרם
פון אַ ראַפּטילישן אָפּשטאַם...
אָ, מיך שטויביקן זינדער,
ערדישן שוואַכלינג —
וואָס צו יעדן קלענסטן געדאַנק בין אונטערוואָרפן;
און ווער געשטרויכלט מיט ווערטער פון מיין אייגן-לשון;
מיט דערטראַכטונגען און השגות
וועלכע פאַרלעצן מיין אָפּהייניקן אָנהאַלט אָן דיר...
אָ, מיך, וואָס אַ ליאַדע קלינגל קאָן צעשניידן מיין לייב;
און פאַרלענדן קען מיך יעדע פּעסט;
יעדע חלאת איוב'דיק פאַראומרייניקן —
באַווייזטו זיך צו מיר מיט דיין גרויסגרויסקייט;
אַנטפּלעקסטו זיך צו מיר מיט דיין גלאָרגלאָריע —
צו אַזאַ נישטיקן,
צו אַזאַ מילביגער אייטעלקייט —
איך זאָל דיר לויבן?...
איך זאָל דיר שירה זינגען:
הללויה, הללויה.
הללויה, פאָטער;
הללויה, אָ, האַרציקער בורא מיין בורא;
איך, דיין באַשעפעניש,

דיין צו־דיר ענליך־געשטאַלטיקער, טרענקט זיך;
טרענקט זיך אינ׳ם אייגענעם שכל — דיין שטראָף —
און בין איצט ניט מער
ווי אַ פּאַרבלוטיקט־צעיושטע חיה
הינטער׳ן שטעקן פונ׳ם דערשלעגער — —

דו, אַ דו —
נאָר דו קענסט מיך רעטן,
קענסט מיך מציל זיין פון דער אייטעלדיקער פּאַרפירעניש,
פונ׳ם שכרות וואָס עס רופט זיך כלומר׳שט:
„מענשליך געלעבט"...
כ׳מיין — מענשליך דאָס אויסברענגען
אויף הפקר פאַרשווענדן דאָס —
און נאָך אַזוי שפּאָט ביליק!
אַז די טבע —
די אמת׳ע נאַטור־געזעצן פון דער קאָסמאָס־פּאַבולע
דענערווירן מיינע ראַפינירטע נערוון...
פון דעסטוועגן
אַ, דו בורא מיין בורא,
נאָר דו, סיבה פון מיין באַשאַף,
דו מיט דיין „נאַטור־איבער־נאַטורן" —
קענסט רעטן;
קענסט,
כאָטש מיך אַליין מציל זיין,
ווייל איך האָב דיך דערקענט
(ערשט ניט לאַנג
אָבער נאָך גענוג פרי פאַר מיר) —
אַז נאָר דו, אַ בורא מיין בורא,
דו מיט דיין גוט־פאָלקאָמענער טבע,
מיט דיין „פון־אַלץ־אנטהאַלטענדער" נאַטור —
„פאַר מיר"
און פאַר׳ן גאַנצן אוניווערזאַלן לעבן,
קענסט מיך רעטן
און וועסט מיך, אַ גאָט, גאָט —
ווייל איך האָב שוין באַטראַכטן דיין אמת׳ן וועג,

דעם וועג פון דיין קאָלאָסאַלער אַנטפּלעקונג,
פון דיין דראַנגליך גוט־שאַפענדן רצון
פאַר וועלכן איך בויג זיך יעדן טאָג מיט גרויס עסטימאַצי
און אָטעם איין און אויס מיט דער גרעסטער יראת הכבוד —
דיין אָטעם...
גלויבענדיק אין דיר, אַ בורא, מיין בורא,
און נאָך מער
אין מיינע פריי אויסדערוויילטע דינסטן
פון זיך אַליין,
צו מיין נאַטור און דיינער —
ווער איך נצול פון דיינע הארבע שטראָפן;
אָ, בורא מיין בורא —
דיינע גרויזאַמע שטראָפן
פאַר וועלכע איך האָב אַזוי פיל פאַטאַלישן פחד —
און אַזוי מורא, אָ, מורא...

אַזוי...

און בין איך אַלץ נאָך דערזעלבער,
אַלץ נאָך, —
פאַרגיב מיר, פאַרגיב.
כ'בין דאָך ניט מער ווי אַן אָרימער חיב —
און חרטה קאָן דאָך אַ פאַר'משפט'ן שוין ניט העלפן,
ניין, ניט העלפן.
מיין לעבן —
דאָס לייבליכע אויף מיינע סקאַלעטישע קנאָכן —
פאַר'משפט איז,
באַשטראָפט און פאַראורטיילט.
וואו איך זאָל אַנטרינען ניט וועלען —
דיין טויט־שטראָף וועט גילטן...
(דיין אומאויסלייזבארער טויט־שטראָף)
הינריכטן קאָנסטו מיך,
הינריכטן צו יעדער צייט...
אָ, גאָט מיינער, גאָט.

אין צער.

ווען דו ביסט אין גרעסטן צער,
אָ, פארוואָגלטער ברודער מיינער,
דאַן גיי צו צו אַ שפּיגל
(ס'איז די בעסטע צייט דערפאַר),
און קוק זיך גוט איין אויב דו קענסט אַלע פּנים־שטריכן —
אויב יאָ?
מאַך אויף דיינע ליפּן אין אַזאַ פּאָזע
גלייך דו וואָלסט עפּעס וויכטיקס וועלן זאָגן —
און זאָג טאַקע:
(מיט אַ גרימאַס פון אַ פאַרצווייפלט פּעסימיסט)
„איך וועל שטאַרבן, שטאַר—בן, שטאַ—אַ—רבן". —
און אויב ניט?! —
אויב דו קאָנסט ניט דיינע פּנים־שטריכן?
(פון ניט־שטאַרבן דענק אפילו ניט אַ רגע —
דאָס מוזטו סיי־ווי־סיי...)
דאַן קוק זיך צו צו זיי,
מורמלענדיג: שטאַרבן, שטאַ—רבן, שטאַ—אַ—רבן...
אמלעצט, אויב דו דערזעסט אַ אומבעקאַנטן שטריך,
אַ־ניט־באַמערקטן שטריך, —
גיב שנעל אַ טיפּן אָטעם־צוג
אָדער גיב גאָר אויף גיך
דריי מאָל אַ כאָכעל אויס: איך, איך, איך,
און הער זיך צו צום קלאַנג פון „ך"
וואָס ווערט און שטאַרבט אויף גיך —
און דאַן? טו אַ זאָג: אָט דאָס — בין איך!...
וועסט זען,
אַ קוים באַמערקטבאַר שמייכל אויף דיינע ליפּן
וועט שנעל און גרינג באַווייזן זיך...

געטראפן.

א מענש איז געשטארבן
א מענש וואס האט נאך מיט צוואנציג יאר צוריק —
אויך נעכטן —
און אינם לעצטבאוואוסטן טראכטן פאר זיין גסיסה,
געוואוסט אז ער און אנדערע אויך, וועלן שטארבן,
שטארבן און... גאר ניט...
און וואלט דערזועלבער נאך היינט געלעבט?
אט איצט?
וואלט ער דאס נעמליכע און ניט מער געטון
נאר רק וועגן דעם שטייף־געגליווערט אומלעבן,
אין וועלכער ער ליגט איצט, געטראכט.
אבער איצט ליגט שטיל א גאנצער מענש—טויטע שווייגונג—
די טויטע שווייגונג וועגן וועלכער ער האט אזוי פיל געטראכט
און עס דערקלערט פאר־זיך נאך מיט צוואנציג יאר צוריק —
ערשט נעכטן,
און אין א רגע פאר'ן לעצטן אטעם־צוג דערפילט
מיט קאלט בלויע נאזלעכער אין רייגגלענדער אגאני
אז זי האט שטיל דערנאכט זיך צו אים,
און קאלט געגלעט;
און שטום גערעט:
האסט געטראפען...
האסט געטראפן...

בייַנערנע עכאָס.

(מיינע בלוטאייגענע צום ליכטיגן אָנדענק)

און ערגעץ — אין פּוילן צי אין אוקראַינאַ —
איר הערט?! הערט, הערט!
ערגעץ — אויף אַ באַרג צי אין אַ טאָל —
(כ'בין זיכער ס'איז מיר און אייך אַלץ איינס) —
געבליבן איז אַ ושם פון אַן אַלטן טאַטן
נאָך ניט־גאַנץ־דערשניטן,
צי גאָר אַ ווייטן קרוב'ס העגט צעבראָכן,
צי פאַראומגאַנצט די בריסט פון אַ אינגער מאַמען,
צי פון אַ... אַ, גייט אייך גייט!
ס'מאַכט ניט אוים —
ניט מיר
ניט אייך
ווי אַלט, ווי אינג און אויך פון וועמען.

און ריטשקעלאך מיט איינגעשטעלטן בלוט,
וואָס האָבן פאַרמאָסטן זיך
צעאויפגראָבן די גאַנצע ערד
צעאומגאַנצן די גאָרע וועלט
כדי פריי זיך קאָנען וואַסערן אין נעסט־ליוזשן —
אָדער שטרעבן צו ווערן גאָר אַ טייך!
און אויב מעגליך — גאָר אַ ים!! —
ס'מאַכט ניט אוים
ניט מיר
ניט אייך
אַ טייך — צי אַ ים —
אַ ים — צי אַ טייך —
סם! סם!
מיר — און אייך.
אייך — און מיר.
אַזוי זיך — סתם!

מיר און אייך — סם!
אייך און מיר — סם!
און איבעראל...
און אומעטום...
און איבעראל...
און אומעטום...
און... אָ, ווייכט אָפּ צו אַלדי רוחות!
ציט אָפּ צימאָלס, איר פּלאָנטער־רייד
און לאָזט מיר זאָגן וואָס איך פיל!
און לאָזט מיר זאָגן שטילערהייט
ווען ס'העלפט ניט שרייען אויף א קול! —
אָ, לאָזט מיר זאָגן שטילערהייט...

ערגעץ אין א ריוו —
צי גאָר אינאַ מיט פון א ברייטן שלייך —
ליגט זיך לייבליכקייט אין הויפּענדלאך,
אין הויכן ווי די סקערטן היי —
און זיכער נאָך אַז העכער אויך
נאָר ווער וועט נעמען מעסטן זיי?...
אָ, ווער וועט וואגן ציילן זיי! —
נאָר ווייל זיי זיינען לייב מיין לייב!
נאָר ווייל זיי זיינעןביין מיין ביין!
און עס צירקוליט אין מיר פון זעלבן בלוט —
זיינען זיי מיר טייער פיל, אוי־וויי!
זיינען זיי מיר ליבליך שטארק, אוי־אוי!
רוף איך, אוים שטארקער ליבעניש,
מיט א פארצערטליכקייט, „הויפענדלאך" זיי אָן...
אָ, קופּעס־האָרבעס־הויפנס
ווי סגל'ן אויף א שמירה־מצה אויסגעלייגט:
רעכטס — א זיידע. לינקס — א באָבע.
אונטן — פעטער־מומע.
רעכטס — א טאטע. לינקס — א מאמע.

אונטן — קינדערלאַך.
און ווייטער? נאָך און נאָך — אַ סדר פּיין, אוי־אוי! —
ס'מאַכט ניט אויס
ניט מיר
ניט אייך
אויב ס'איז חלילה אַנדערש — ניט אַזוי.
אויב ס'איז אפשר ברייט און לאַנג —
אַזוי־ווי פּיראַמידן אויפגעשטעלט
וואָס בילדן אַ משפּחה'דיקע וועלט:
מיסטגראָבנס פאַרטאָפּטשעט ענג,
איז אין מאַסן פול מיט אונזער לייב.
און ווינקעלערס מיט אייגן בלוט —
געצאַפּט פון אַ געניטן ברוט —
ברויזן אויף דאָס שוואַכסטע האַרץ!
צינדן אָן דאָס קאַלטסטע אויג!
מאַכן דרייסט דעם דינסטן ביין ! —
און שרייען שטום!
און שרייען טויט! —
העי־העי! העי־העי! שמייסט אַלץ אַוועק!:
אוצרות, דלות, ווייב און קינד
און קומט מיט הילף צו אונז אַצינד —
זאָל זיין ווי איר פאַרשטייט דאָס וואָרט —
דאָס טעמפּע אומגעדענקט־געראָוועט וואָרט...
דאָס טעמפּע אומגעדענקט־געראָוועט וואָרט...

און ערגעץ — אין „ערגעצן אומערגעץ" —
אויף אַ ברוק,
צי אויף אַ גרינפאַרוואַקסן פעלד —
(כ'בין זיכער ס'איז מיר און אייך אַלץ איינס) —
גריזשעט אַ ווילדגעוואָרן חזיר איצט
זיין גליטש־פאַסקודנעם סטויפּן־שנוק
אין אַ אומגעפּליישטן טרוקענעם סקעלעט —

און טרייסלט אים!
און טאָרקעט אים —
הין און הער.
הער און הין
קלאַפּענדיג מיט'ן גאַנצן הארט־געביין:
קריק־טשריק־פּריק!
קריק־טשריק־פּריק! —
איינער אינ'ם צווייטן — ביין אָן ביין.
איינער אינ'ם צווייטן — קנאָך און קנאָך —
איינער אינ'ם צווייטן און אַלע אין איינעם
קלאַפּן אוים אַן אָפּגעהאַקטן קריי: —
קו־קו־ריק! קו־קו־ריק! —
און ווייסט דער טייוול ווי אזוי נאָך!
און ווייזט דער בייזער רוח
פון מיר און אייך,
פון אייך און מיר,
ווי ס'פּאסט דעם חזיר דאָס רעצעטיר —
וואָס קומט פון זיין מולטער־שנוק ארוים
אינ'ם אויפטרייסלען דאָס סקאלעטישע טאַצן־צימבל
וואָס איז פול מיט מוזיק,
מיט ריטם אָן א שעור —
(אזא יאָר אויף איר)
מיט'ן סקריפּ
מיט'ן כריפּ
פון סקעלעט־קו־קו־ריק —
וואָס רופט אוים אַ טשריק־פּריק־קריק,
א קר—י—ק פון מיין אַלטן זיידן,
פון מיין גאָר־אינגער מומען,
פון מיין...
אָ, ס'מאַכט ניט אוים
ניט מיר
ניט אייך

אויב דער „קוקוריק־געקלאנג” איז פאלש
און איז ווייט פון שיינער קונסט צו זיין,
דאָך איז וועגן דעם אַלץ אמת,
אַ יאָ!
ס'איז וואר אַז דאָס איז ווייט צו זיין
וויאָלין־טשעל מיט פּלייט־מוזיק,
און אויך אפילו ווייט פון דעם,
וואָס קינדער שפּילן אויף אַ קעמל אויס.
מה!
דאָך האָט דאָס מיך אַזוי בארוישט:
איך לויף אַרום און ציפ מיין לייב!
און זשליאָק מיין בלוט וואָס מיך צעטוישט!
און שלעפּ מיין איינציג קינד און ווייב
און דריק זיי ביי די גערגלאָך צו
און צינג זיי זאָלן שווערן מיר:
זיי זאָלן האָבן אַזוי רו
אויב אויף אַ רגע וועלן זיי
פארגעסן „קוקוריק'ס” שפּראך —
נאָכדעם —
ווען כ'האָב אויסגעשפּיגן
צו דער סטעלי צו אַ קללה
וואָס האָט אויסגעמאכט זיך דאָרט אַ בילד
פון עפּעס אַ מין מאָנסטער־ראַק —
און איידער ס'איז צוריק דער שפּיי
אויפ'ן דיל אַראָפּגעפאלן נאָך,
האָב איך אַרויסגעברומט פאר זיך:
אַזוי!
קוקוריק, שריי צו מיר! שריי!
איצטער גרייט צו זיך.
באַלד קומסטו — אָ, אָ, דו קומסט! —
און פּלוצלינג...
פּלוצלינג??

העי, אוועק דו בייזער קוקוריק!
אזוי זיך סתם,
ניט מיר
ניט דיר
וועט זיך ארייגרייסן אַ מענש אין טיר,
אַ מענש? ניין. צוויי!
און אפשר גאָר אַ דריי?
כאַפּט דער טייוועל זיי!
עס איז מיר גלייך שוין סיי ווי סיי:
גזיינער, צוויי, צו דריי —
צו גאָר נאָך מער ווי דריי מאָל דריי,
ס'איז גאַנץ עגאַל מיר סיי ווי סיי...
די זאַך — זיי וועלן זיין ווי איך!
אָט דאָס אַ קרענקט — קראַפּירט מיר שטאַרק —
וואָס אויסזען וועלן גלייך ווי איך!
ניט אַנדערש —
כאַ—כאַ! און כי—כי—כי!
און אפשר אומאַנדערש אין דעם מאָמענט?...
נאָר... גוואלד, אוי גוואלד, אָט דאָס,
איז ניט דער עיקר פון דער זאַך!
די זאַך איז דאָך גאָר די:
וועלן הרג'ענען, מה הרג'ענען!
מיך, מיין ווייב, מיין קינד —
און אפשר?...
יאָ!
אפשר מיך צולעצט?
כ'וועל זיך גראָד ניט שפּאָרן יעצט
ווייל ס'קאָן אויך זיין זיי רעכט אזוי —
ביי זיי,
די אָנגערוקטע בייזע וועלף
וועלכע זיינען ווי פונקט דערפאר

אום נאָר מיין הייסן לעבאָטעם אוועקשטיקן באשאפן,
און פאר מיין הויזגעזינד זיין,
די היינקער און די ווערגער —
איז רעכט אזוי — אז אַלץ איז רעכט...
איז רעכט אזוי — אז אַלץ איז רעכט...
העי! הערט! הערט! —
אָט דאמאָלס:
בלויז די ביכער פון מיין שאפע
וועלן ווי יתומים נעבאך בלייבן —
אך יתומים, מיינע ביכער...
נעבאך, נעבאך — מיינע ביכער!
כ'וועל דאָך קיינמאָל,
קיינמאָל אייך שוין מער ניט האלטן,
לייענען פון אייך דאָס קליגסטע,
דאָס אויסדערוויילטסטע —
וואָס קומט אויך פון מענשן —
אַלץ מענשן, רק מענשן...
אוו־אוו, אוי־אוי —
אך, דאָס קליגסטע פונ'ם מענשן...
שאט! וואָס ארט דאָס אייך? —
נו, יאָ!
וואָס ארט אייך אז איך זאָג אזוי?
דאָס רעדט דאָך א סקאלעט —
דער אַלטער קוקוריק!
כא־כא! און כי־כי־כי!
ס'איז גרוסן מיר
און גרוסן אייך
גריסען אַלע אידן גלייך —
און אויך א גרויסן קוקוריק־גרוס
צו דער גרויסער גאנצער וועלט
פון מיר דאָס סקאַלעט־געשטאַלט —
— ק ו ק ו ר י ק . —

אַט פּונקט אַזוי...

ניט איך און אויך ניט זיי — ישראל'ס קינדער —
וועלן אַנפּאַלן און אייך פאַרלענדן,
עפּעס גאַנץ אַנדערש —
אַזוינס וואָס אייערע פאַרשטאָפּטע קעפּ
האָבן גאָר קיין שום אַנונג ניט דערפון!
דער איינגעהאַלטענער גרויס'צער
פון דורות לאַנג פאַרשטיקטער רעגונג,
וועט אין אַ סאָרט מיקראָב אַזאַ פאַרוואַנדלען זיך
און וואַקסן, וואַקסן, וואַקסן גיך און שטאַרק
ביז צו אַ פאַרגאַנצטער רייפער גאַנצקייט,
ביז צו... אַ, פאַרלענדט זאָלט איר ווערן
ווי מיר זענען שוין פון אייך טויזענדער מאָל —
טויזענדער יאָרען!
מה, גוי'אישקע קעפּ וואָס איר זייט!
ווייסט איר ווי עס שפּרייט אוים די צייט אַ פּעסט?!
ווי ס'טראָגט ווייט זיך איבער דער לופט אַ גיפט?!
אַ יאָ איר ווייסט ניט?!
טו שווייגטזשע, איר גוי'אישקע מחות!
אַט אַזוי וועלן מיר — די אויסגעלענקטע פון קריסטוס-גלוּביגע;
די געקוועלטע און געפּייניגטע פון ישוע הנוצרי'ס נאָכפאָלגער —
אויך קיינמאָל גאָרניט וויסן פון וואַנען
און ווי־אַרום ס'וועט די אויסלייזונג צו אונז דערשיינען
און פול מיט הילף דערגרייכן אונזערע ראַיאָנען —
אַט פּונקט אַזוי... אַט פּונקט אַזוי..

ערדלינא

ערדלינא, דו ביסט מיין בענקשאַפט.
ערדלינא, דו ביסט מיין שטימונג —
דער העכסטער עקסטאַז,
דער העכסטער
פון מיין ניט־דערטרוימטן חלום...
בין איך אין צער — ביסטו עס די סיבה.
בין איך באַרוישט — ביסטו עס דער וויין.
דיין בליק דערטראָגט זיך צו מיר פלוצלינג
און ברויזט אויף אַ ציטערניש אין מיר
ווי דער פאַל פון אַ אומבאַקאַנטן שטערן...
דיין רעדן — קלינגט פאַר מיר
ווי מאַני לייב׳ס אַ ליד.
דיין גאַנג — דערמאָנט מיר אינ׳ם נביא יוחנן.
דיין פּראָפיל — דערוועקט אין מיר יענע נאַכט
אין וועלכער איך ביז מסופק געווען פרצ׳ם ניט ווערן.
די פּאָרעם פון דיינע פיס —
ברענגט אוים אַ קרעאַטורישן שוואונג אין מיר
וואָס שטויסט צו בויען, שאַפן און פאַרמערן...
און נאָך ביסטו פאַר מיר אַזוינס —
אָ, נאָך, און נאָך און נאָך —
דו קאַפּריזנע ערדלינא!

Siegerman

ב. הערשפילד

ציגיינערקעס
די נאכט
אין יענער שעה
כ'האב דיך ליב
איך וועל דערפרייען זיך
ווער
און מער געדיינק איך ניט

בעסי הערשפילד

ציגיינערקעס.

ברוין געזיכטיקע, שווארץ־אויגיקע,
שוואַרץ־צעפּיקע ציגיינערקעס!
אין רויטע, גרינע טוכן
און אין קווייטענדיקע קליידער,
ווי שמעטערלינגען פארביקע,
אין פרילינגס־טעג — אין גאָלדענע, —
וואָס בלאָנזשעט איר אַרום דאָ,
אין דער רוישעדיקער גאַס?

שווארץ־אויגיקע ציגיינערקעס!
מיט רינגען אין די אויערן
מיט רויטע שנירלעך קרעלן
אויף די קופּער־ברוינע העלדזער,
ניט דאָ פּאר אייך צו אומבלאָנזשען
אין גרויסער שטאָט — אין קאָכעניש
צוריק אין אייער ווינקעלע
אין ברייטן פרייען וואַלד!

אַט דאָרט אין דער געדיכטעניש
צווישן ווילדע קרייטערצער
אין ווייסע פעדים, גאָלדענע,
פאַרחלום'ט שטייט דער וואַלד

שאַרפע מעסער בליצן דאָרט
און אויגן ווי די פייערן!
ווי אייערע געליבטע דאָרטן
פיטערן די פערד!

אהין! צולייגט א פייער דאָרט
אַז צווייגן זאָלן פלאַקערן,
אַז בוימער זאָלן וויגן זיך
און ציטערן די ערד!
זאָל גליהענדיק און פלאַמענדיק,
ווי איר אַליין שוואַרץ־אויגיקע
צעוויגן זיך, צעטראָגן זיך
אייער ציגיינעריש ליד!

די נאַכט.

די נאַכט האָט איינגעשלונגן —
דעם לעצטן אָטהעם פון אַ שטאַרבענדן.
אַ שטיל געבעט פון אַ צעוויינטיקט הארץ —
געשוועבט האָט איבער מיר,
ביז וואַנען ס'האָט די נאַכט
אויך דאָס דערשלונגן.
— — — — —— — — — — — — —
כ'האָב שטיל געוויינט. —
אויף מיין געוויין
געענטפערט האָט דער טאָג —
מיט שמייכלענדיקע אויגן...

אין יענער שעה (צו ראַזען)

אין יענער שעה:
ווען עס פאַרגייט דאָס לעצטע ליכט פון טאָג
און וואו ניט וואו עס צינדן אָן זיך שטערן,
אין יענער שעה — פאַרוויגט אין שטילער רו, —
פלי איך אַוועק צו דיר!
ווי גוט איז מיר צו זיין מיט דיר אינאיינעם
דו, איך ' און אונזער שטילער צער...

כ'האָב דיך ליב!

דער אָוונט קומט צו מיר,
מיט שטילע טריט...
מיר דוכט: דו זיצט אַקעגן מיר
און לעזט פאַר מיר אַ ליד,
נאָך יעדער שורה שטעלסט זיך אָפּ
און וואַרפסט אַף מיר אַ בליק.
און איך? — איך הער קיין איינציג וואָרט ניט
וואָס דו לעזט,
בלויז מיינע ליפּן מורמלען שטיל —
„כ'האָב דיך ליב!”

איך וועל דערפרייען זיך

איך וועל דערפרייען זיך
ווען דו וועסט צו מיר קומען,
און וועסטו בלויז זיך אָנרירן אָן מיר
וועל איך אויף אייביק —
דיינע בלייבן.
איך וועל מיט אונבאַוואוסטער פרייד
אַריין אין דיינע אָרעמס,
און מיט מיין לעצטן אָטעם
אַראָפּשלינגען דיין קוש.

וועֶר.

ווער האָט מיר מיין וועג פאַרצאַמט,
אַז וואו איך גיי וואַקסט אויס אַ וואַנט,
אַז וואָס איך קלער צעשוימט ווי שוים
ווער האָט עס מיין וועג פאַרצאַמט?

ס'האָט עמיצער פאַרשאָלטן מיך,
כ'זאָל אויסגיין דאָ פון בענקעניש
צווישן ווענט וואָס שטיקן מיך,
און אויגן וועלכע היטן מיך!

אוי! ווי קאָנט איר גאָר פאַרשטיין?! —
אַנשטאָט זיך שטיקן פון געוויין,
לאַך איך מיט פרייליכקייט אַזוי
און לאַך אַרויס אַ טיעפן אוי!
אוי־אוי! אוי־אוי!

און מער געדענק איך ניט.

דיין ערשטער בליק,
דיין לעצטער זיי־געזונט
איין איינציק וואָרט
און מער געדיינק איך ניט.

אַ ים מיט ליכט,
אַ שניידענדיקער ווינט,
דאָס וואָרט, „פאַרגעס"
און מער געדיינק איך ניט.

מאטעם ל.

(פון דער סעריע ,,אז א פויי־
געגבלאט״)



פאַרטנאָוו

מאַטעס ל.

ארטור עסעלין א מתנה.

(פון דער סעריע „אז א פייגענבלאַט")

א.

פייערן, פייערן,
ניט געזעטיקטע פייערן,
ציטערן זיך אין מיינע אָנגעצויגענע אָדערן,
און ס'אָטעמט מיין לייב מיט דעם שווייסיקן גערוך פון פוילקייט.

און זינדיק איז מיין געדאנק,
און הונגעריק ז'מיין גוף
אין ניט געזעטיקטע נעכט
פון ניט געזעטיקטע ליידענשאַפט.
איינזאם,
נאָר אין חלום מיט דיר,
שפּרייט איך מיינע הענט און נעם דיך ארום:
שליסן זיך אונזערע אברים,
צעפלאַקערט זיך די לוסט, —
און פייערן לעשן זיך,
ס'לעשן זיך פייערן.

ב.

ווי דער בוהיי צום שווערן קייט געשלאָסן
בריקעט מיט די פיס,
ב־ר־ו־מ־ט,
ופט די קו וואָס פאשעט זיך אין פעלד —
אזוי ברום איך
און רוף אין ליידענשאפט די פרוי —
ביינאכט.

און קיינער ענטפערט ניט מיין רוף.
די פראָסטיטוטקע פאר רענדלאך איר אונריינקייט פארקויפט,
בלינד, ווי עס פארקויפט דער שמוגלער אויפן קוק א זעלטן־טייער שטיין.
און די פרוי? —
איר קענסטו פאר קיין זילבער געלט ניט קויפן! —
בריקע איך אין די נעכט,
ב־ר־ו־ם
און ווער פארברענט
— — — — — — — — — — — — —
און דעם סוד בעהאלטן
מיינע איינגע, אָרימע פיר ווענט.

ג.

פרוי,
אין דיינע צעלאָזטע שווארצע האָר
ווי אין די ארודעם ערשט צוגראָבענע ערד
קריכט אום מיין ליידענשאפט אויפ'ן בויך
און גראָבט זיך ווי א הונגעריקער וואָרעם
אין דיין זאפטיק־זעטיקן לייב.

ד.

שניידט ווי א דאָרן מיין לייב —
די ליידענשאַפט.
לויף איך מיט ברענענדע ליפּן און ברענענדע אויגן —
לויף צו דיר,
צו דיר.

קום איך צו דיר, איז פארשלאָסן די טיר,
און דו אונטערן טיר —
לאַכסט פון מיר,
לאַכסט פון מיר.

פאַל איך אַנידער ביים שוועל
ווי אַ וואָיענדער הונט ביי דיין טיר,
און ס'גייט אוים מיין זעל,
נאָר דו האָסט קיין מיטלייד מיט מיר,
קיין מיטלייד מיט מיר.

פארשלים איך די מוסקולן, פארקנעט איך דאָס לייב
און זעטיק די ליידענשאַפט —
איך אַליין בין מיין ווייב,
איך אַליין!

ה.

איך האָב געזוכט —
אויפ'ן ראָג־גאס האָט זי מיך געפונען.
אירע אָרעמס
האָבען מיט צאַרטקייט מיך ארומגענומען,
אירע ליכטיקע אויגן

האָבן אין מיינע אויפגעפלאַמטע אויגן אַריינגעקוקט,
און ווען מיין גוף האָט אין ליידענשאַפט געפיבערט,
אין ליידענשאַפט געצוקט,
איז זי — קאַלט ווי אַ נבלה געלעגן.

מיט עקעל האָב איך זיך פון איר אָבגעקערט,
אַ שפיי געטאָן,
אַוועק,
און די גאַס פאַרשאָלטן,
אירע טריט,
זיך —
און מיין ניט באַהערשטע תאוה.

ז.

איך וויל דיין ליד,
דיין צימבל און דיין ברוסט.
איך וויל דעם חלום פון דיין טיפן אויג,
דעם פייער פון דיין יונגער ליפּ,
דעם ריטם פון דיין טראָט.
ביי גאָט!
מיר וועלן פון איין קופּעל טרינקן,
רויכערן דעמזעלבן ציגארעט —
איין בעט
פאַר דיר און מיר,
מיין שוואַרץ־אויגיקע,
בויגיקע רילקאַ.

אָ. עסעלין

דער באפלאקס
אַ הימן צו ארבעט
כבוד
אונטער דער זון
היי־אַר
ווארט
לייענענדיק שיילאק
THE FOUNTAIN OF TIME
צום ערשטן מאָל
נו איז וואָס
אונזער בלוט
טריט
בעסער אזוי
שאַנד
מיינע אָפּגעלעבטע טעג
FINAL

א. נסעלין

דער באַפּלאַקס

שטאָלץ און גראַציעז הייבט ער זיינע פיס.
טראַט נאָך טראַט, טראַט נאָך טראַט,
צום שימערנדן וואַסערקוואַל.
ביז ער גרייכט דעם געלן ברעג,
זינקן זיינע פּאָדערפיס אין ווייכער ערד אריין,
און שלונג נאָך שלונג, שלונג נאָך שלונג,
וואָס פליסט אין קעל,
צינדט זיין אויג מיט שווארצן פייער אָן.
און ווען ער קערט דעם קאָפּ אַוועק,
טריפט קרישטאָל פון באָרד אראָפּ.

שטאָלץ און גראַציעז בייגט ער זיינע קני
און ציט צוריק צום טרעפּעלדיקן מאַרמאָר־באַרג:
דאָרטן וואַרט זיין ווייב און קינד.
לאַנג און ברייט, מאַסיוו און שטיל
שלייכט זיך נאָך זיין שאָטן הינטער אים..
די איינגעשרומפּטע שלאַנגען־קעפּ,
דערשראָקענע אין פייכטער הייל
קוקן שטאַר —
צי גייט עס ניט אַ באַרג אויף באַרג?
און שיפּן אויף דערפרייטע,
ווען ווייט איז שוין זיין ריזן־טראָט.

ווי עס שטייגט אַ הערשאַפט פון אַ גאָט אין רוים —
טראָט נאָך טראָט, טראָט נאָך טראָט —
איז ער אַרויף
ווי אַ שוואַרצע זון ביים ראַנד פון באַרג
און שטייט און קוקט אין טאָל אַראָפּ.
זיין גריווע־שפּיץ טוט אַ צוק,
זיין ריזען־גוף רעוועט אויף
אַ גבורה־ליד —
פאַר זאַטקייט און און צופרידנקייט.

א. עסעלין

א הימן צו ארבייט.

כ'וועל וויילן מיין וועג אויף די ברייטע, און שטויביקע טראקטן
אויף הארטן און ברודיקן באָדן,
וואו ס'הילכן די טריט פון די גייער;
וואו סציען זיך רייענווייז מענער פון ארבעט,
וואו פייפענדע קוימענס מיט זיילענדע פונקן
שיסן מיט חוזק צו הימעלשע הויכן;
וואו שווינגענדע האמערס אין פרענטענע פינגער
שלאָגן מיט גבורה אויף שטאָלענע פלאטן;
וואו רעלסען — ווי בליצן אין טונקעלע וועלדער —
ביים ראנד פון די בערג און ביים זוים פון די טייכן
ליגן געשמיטע אין בויגיקען שימער
וואו ס'פליען די באנען אויף שטרעקעס — ווי פיילען,
פון וויטן און וייטן, אָן ריקצוג, אָן אָפּשטעל.

און מיטנעמען וועל איך דעם גלאָק פונ'ם זשאווער'
צעצונדענע פריידן פון קינדער און נארן,
געדולט און עקשנות פון זיידעס און באָבעס,
ווילן און גלויבן פון טויזענדער דורות,
וואָס איז נאָך ביז איצט צו קיין תיקון געקומען.
און וועל עס אנטקעגן דער זוניגקייט טראָגן; —
און קלינגענדיק, זינגען א הימן צו ארבעט,
צום טאקט פון די טריט פון די גייער
צום פייף פון די קוימענס,
צום קלאפּ פון די האמערס,
צום לויף פון די באנען,
צום רויש פון די האפנס,
צום האר פון דער ערד און פון ים'ן.
און אז איך וועל צעווייגן דעם גלאָק און באוועגונג
וועט איהר שוין דערהערן, און קומען, —
מיט קוילן, מיט טאץ און מיט פויקן,
מיט ביר, און מיט פענזל און קאנווע,
צום יום טוב פון ארבעט!...

א. עסעלין

כבוד.

פאַר דעם גאָט פון אברהם יצחק און פון יעקבין
האָט שבת נאַכט מיין באָבעלע געוויינט.
מיט אירע דינע הענט דעם פּנים צוגעדעקט —
שטיל — פאַר עפּעס וואָס געבעטן.
טרערען; —
ווי שנייעלאַך וואָס פאַלן אויף דער ערד
און שפּרייטן אויס אין רוים פון בלויע נעכט
א ווייסע, ברייטע רו,
און קושען אויס דעם צער פון אויג ביים איינזאמען אין וועג,
אזוי האָט נעכטן נאַכט מיין באָבעלע געוויינט.
צו ערן איר;
האָב איך די וויקטראָלע אָפּגעשטעלט,
און האָב אזוי מיט ציטערנדע הענט
דעם טענאָר פון „לא באָהעם״ —
צעבראָכן אויף דער העלפט!

און וואָס וועט זיין?

און וואָס וועט זיין, אַז איך וועל אים באַגעגענען
און ער וועט מיר קיין בייזן בליק ניט שיינקען,
און אויפן האַלז וועט אים דער צלם פעלן
און אין די הענט — די רויטע גראָב באַאָדערטע
וועט ער גאָר אַן אַקער־אייזן האַלטן,
זיין אָרים שטיקל ערד באַאַקערן,
און וועט מיך נאָך מקרב זיין מיט ליבע און מיט זעליקייט
און זאָגן מיר: איך האָב געוואַרט אויף דיר.

טאַ קום און זיי מיין גאַסט אצינד.
און בעטן, איך זאָל בענשן גאָר זיין טרויעריקע הויזגעזינט.
און וועט זיך נאָך א שלוכצענדער, — זיך קניענדיק —
פאר דיר מחילה בעטן.
ווי זשע וועל איך, מאַמע מיינע,
הייליקע!
דיין משפט קענען אויספירן?

ה י י ־ י א ה ר.

עס האָט שוין היי־יאָהר צופיל דאָ גערעגנט,
צעווייקט איז גאָר דאָס גוטע לאַנד געוואָרען,
פוילן שוין די זאמען אין די גרונטן, —
וואו ניט וואו נאָר שפּראָצט א ריטל קאָרן.

אפשר וועט נאָך אויפגיין וואו א זאנגל,
ווייניג וועט שוין בלייבן מיר צו דרעשן;
און ביז די זון וועט טריקענען די זומפּן,
וועט עס גאָר דער היישעריק דערפרעסן.

אומזיסט האָב איך מיר אויסגעבויט א שייער,
אז עס זאָל קיין תבואה דאָרט נישט דארבן;
היי־יאָהר וועט מיין תבואה נישט געראָטן,
וועל זינגענדיק נישט בינדן מיינע גארבן.

א. עסעלין

וואַרט!...

וואַרט — איך וועל קומען צוריק
צוריק אויף דעם זעלביגן אָרט;
אַ טראַציגער, בייזער ווי דו —
קען זיין מיט'ן טייוול געפּאָרט

היט זשע דערווייל דיין רויב,
דאָס פרייד פון דיין פריידיגן זיג,
דיין זודיקע־תאווה צום ווייב,
דעם אונשולד פון קינד אין דער וויג,

די פריירעס, די לאַנקעס, די פּיה
און אַלץ וואָס עס לעבט אונטער זון...
די האַק, אין דיין האַלז און דיין בלוט,
קיין טראָפּען זאָל פעלן דערפון...

וואַרט, איך וועל קומען צוריק,
מיטן משפט פון גאָט און מיין שול,
און מאָנען נישט מער פיל עס קומט,
נאָר נעמען פאַר אַלץ אין דער פול; —

לייענענדיק „שיילאק"

איצט ווייס איך שוין פאַר וואָס
איך טראָג ניט שטאָלץ מיין פּאָן אין גאס אַרויס,
און אויפ'ן האַלז — קיין רויטן שלייף;
אין טאַש — ניט קיין סטילעטא
און קען קיין מאַקאַראָנעס נישט פאַרדייען,
מיט ביר און שפּעק מיין גוף ניט פעטער מאַכן.

פרעמד איז מיר דאָס ליד פון זעט און בלוט, —
אַנשטאָט צו יובלען ווי די שכנים מיינע
מיט טאַץ און פּויק
פאַר טריאומף פון קולטור און אימאָרטאַלן
האָב איך אַ קרעמערישע ליריק אויסדערוויילט
און זינג עס פאַר די קרעמער שטיל —
ווי איינער וואָס קען קיין צוויי ניט ציילן,

איצט ווייס איך שוין פאַר וואָס
איך טראָג דעם טרויער פון די דורות,
די ירושה וועט שוין אויביק מיינס פאַרבלייבן.
אַ טרער אין צאינה וראינה פון אַ באָבע,
אַן אות אין גילן פאַרמעט וועט ניט פעלן,
ביז דער לאַנג־פערזאַמטער וועט זיך פאַרט באַווייזן.

און איך צווישן שטיין און אייזן
מיט אויגן ווי בא אַ חכם — צוגעמאַכטע, —
וואָס זעהען מער ווי אָפענע;

הענט — (ווי שווערדען אין א שייד — באהאלטענע...)
אפילו אויס געוויינהייט קען צו גאָט ניט הייבן —
וועל ווארטן, ווארטן, ווארטן,
מיט קאַלטער, אייזערנער געדולדיקייט,
פאר עפּעס וואָס מוז נאָך ווען געשען...

צום ערשטען מאָל.

און אַז דו ווילסט צו מיר אין הויז אריין,
בעט איך,
זאָלסט ניט קומען אומגעריכט:
וויסן וויל איך ווען וועלכן וועג דו ווילסט,
און איך זאָל דיר אַ פריידיקער אנטקעגן גיין,
ביסלעכווייז דערזען דיין געשטאַלט.

און אַז דו וועסט אָנעמען מיין האַנט
און זאָגן: דאָס בין איך,
וועל איך אָפּקערן דעם קאָפּ
(רעדען וועל איך סיי־ווי ניט)
נאָר מיין הארץ וועט ציטערן פאר פרייד,
ווי אַ שמעטערלינג,
צום ערשטען מאָל אויף צווייט און זון...

נו, איז וואָס?

נו, איז וואָס, אַז דו האָסט שוין אַלץ חרוב געמאַכט,
און שמייכלסט אַראָפּ אויפֿן אַש פֿון דיין גוטס,
אַז אָט טוסטו ווידער די טאָרבע זיך אָן
און ווילסט נאָך זיין ווידער דעם צווייטן צונויץ.

נו, איז וואָס, אַז דו איינזאַמסט אַוועק דיינע נעכט
און מאַכסט זיך פֿון טרערן דאָס קישעלע נאַס,
אַז צו מאָרגן דערזעסטו די ליכטיגע וועלט —
איז ווידער שוין ליב דיר דער שטיין אויפ'ן גאַס.

נו איז וואָס אַז דו האָסט שוין אַ פּעטליע פֿאַרגרייט
און שלאָפֿסט מיט אַ פֿלעשעלע סם ביי דער זייט,
צו וואָס זיך דאָס נאַרן: אַ זיפֿץ — און גענוג.
און דער וואָס דאַרף הערן דערהערט שוין פֿון ווייט.

FINAL

האַלב נאָך עלף, דער פֿאָרהאַנג פֿאַלט אַרונטער,
ווי בלאַנקע העק אויף אויסגעשטעלטע העלזער;
טויזנט אויגן ווערן אויסגעלאָשן
פֿאַרבן, קלאַנגן שוועבן און צערינען,
שפּורלאָז, ווי ציטערנדע ליכטיקייט פֿון שיפֿן,
אויפֿגעוועקטע קלאַפּער שלאַנגען צישן,
אָפּגענאַרטע שטילע פֿרומע קינדער
שעמען זיך צו וויינען...

אונזער בלוט.

איך בין פון שטאָלצע ניט געקומען,
וועל מיט שטאָלצע לייט ניט גיין,
נאָר ווען דער לעצטער רוף וועט קומען,
וועל איך מיט מיינע ברידער גיין.

ווי פאַרציטערטע און שטומע,
ווי פאַר׳משפט׳ע צום טויט —
מיט פאַרמאַכטע אויגן פרומע,
מיטן טרויער אויסגעשפּרייט.

נאָר דאָס בלוט אַרויסצוגיסן,
אין דער קאַלטער ערד אַריין,
בלוט מיט זריעה אויסצומישן,
זאָל די פרוכט געראָטן זיין...

אייביג אין די גרונטן וואַכן
וועט דער זאָט פון אונזער בלוט.
זאָל אַ ברכה יענער מאַכן,
ווער ס׳וועט טרינקן אונזער בלוט.

א. עסעלין

טריט.

הארט, ווי טריט אין פראַסטיקן באַגינען;
גראָ־ווייס, ווי דער ווינטערדיקער אָטעם פון אַ פערד —
קומט אַ מאָל געריכטערהייט דער טויט
צו דעם, וואָס האָט שוין לאַנג אויף אים געוואַרט,
דאַמאָלסט האָט ער גאָרנישט ניט פאַרזאַמט
און וואָס ער נעמט — איז לאַנג פאַר אים געגרייט.
נאָר צופעליקע קלוגע אַלטע לייט,
וואָס שטייען סיי ווי טעגוויז אויפ׳ן גאַס —
די איינציקע באַגלייטער נאָכ׳ן אָרן —
גייען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ...

האַסטיק, ווי אַ הירש אין אַ גאַלאָפּ
מיט ברייטע אויפגעבליצטע אויגן, —
ווי ברוינגאָלד אין גלימערנדן אָקטאָבער,
ניט געריכטערהייט —
קומט אַמאָל דער טויט
צו דעם, וואָס האָט דעם ערשטן טראָט געמאַכט,
דאַמאָלסט האָט דער טויט שוין אַלץ פאַרזאַמט.
הינטער אים צעפּראַלן זיך די גרונטן,
מיט סטאַרטשענדיקע וויברירענדע זאָמען
און רייצן אים — ווי רויטע רייפע טרויבן
אויף ווינענדיקע שפּיצן פון די ביימער
קענען מחנות הונגעריקע, שפּרינגענדיקע פוקסן...

THE FOUNTAIN OF TIME*)

פון דעם ערשטן, לאַנג פאַרגעסענעם
ביז דעם לעצטען ערשט דערמאָנטן —
האָב איך דעם שטח און דויערונג געמאָסטן, —
האָבען געפֿלען מיינע אויגן ניט פאַרטונקעלט
און קיינער מיין דימענזיע נישט פאַרענדערט;
נאָך אין דער עמבריאָ האָב איך אייך געזען
ביז דעם נייסטן, טויזענטפאַכסטן פאָרם —
אין שאָטן און אין שימער — זייט איר רייענווייז
דורך מיינע לאַבירינטן דורכגעגאַנגען,
און יעדערן באַזונדער געציילט אייך און באַהאַלטן
ווי אַ מאַמע — צו קבורה אירע קינדער.

אַ פאַרשאָלטענער בין איך, און שטומער ווי מיין טרויער —
און וועל אַזוי פון אולטראַ־טאָג ביז אויביגקייט פאַרבלייבן,
אייער אויביגע, און ענדלאָזע פּראָצעסיע צו באַגלייטן
צו ווייסע און לויטעריגע טויערן פון רו...
און אַליין, אַ לעבצענדער נישט קומענדיג דערצו.
און היטן אייך איהר זאָלט קיין אַנדער אויסוועג ניט געפינען,
איהר זאָלט קיין איבעריגען טראָט נישט טאָרן מאַכן,
און איך אַליין זאָל זיין דער פירער און באַפעלער,
און ביז דעם לעצטן דור — דער בויער און צושטערער, —
צום אויפגיין און פאַרגיין, ביים שטייגן און ביים פאַלן.

---

*) די סטאַטוע פון לאָרעידאַ טעפט, אין וואַשינגטאָן פּאַרק.

אונטער דער זון

און ווער עס האָט פון לעצטן זאַלפּ אַ קויל כאַטש אָפּגעשפּאָרט,
דעם פרייט עס איצט און גריסט דעם רייטער אין דער ווייט;
און מעג זיך דאָרטען נאָכגיין „נערא" ביי דער זייט, —
דער וועט אויך דערזען שוין דעם נביא דאָרט.

און ווער עס טראָגט אין האַנט די פאָן דער טראָגט שוין אויך דעם לאָם,
און ווער עס האָט אַ גאַליג וואָרט דער שמעטערט עס ארויס;
און שיין איז אויך דער שטעכער דאָך וואָס שוינט דאָס קינד אין מוטערשוים
כאָטש אייגן בלוט איז אויך אין שטראָם...

און ביזן הימעל גרייכט דער מעשענער טראָמפּייט
צום פּעכט פון שווערד און הענט מיט ברייטעסטן פאַרנעם, —
די פּעסט, — דערווייל — מיט טויזענט אויגן קוקט ארויס אויף דעם
סאַראַ פרייד אויף איר — דער פּעבעל גייט...

בעסער אזוי...

איך ווייס איך וואָלט געקאַנט
אויף אַ ווײַלע כאָטש פאַרענדערן
דעם גאַנג פון דיינע טעג,
דעם לאַנגווייליקן טרויער פון די אָוונטן,
דיין באָדן איבערגראָבן ווייך;
מאַכען דו זאָלסט טרעטן מיט געזאַנג,
ווי קינדער מיט דערגריפענע פאַרלאַנגען,
איך וויל ניט.
און זאָלן איבער מיר די בליקן דיינע וואכן,
פאָרשענד, ווי דער ווינט אויף ים און גראָז
ריין, טיף און זוכענדיק.

מיינע אפגעלעבטע טעג.

מיינע אָפּגעלעבטע טעג שטייען ווי א רייע שומרים הינטער מיר
און חוזקן פון מיר דעם מיטעלסטן, געפאנגענעם אין קרייז,
צו מיינע אויערן דערגרייכט וואס איינער צו דעם צווייטן זאָגט;
לאָזן אים ניט פון אונזער בלענדענדער געפיינקעניש ארויס,
ביז אלעם וואס מיר האָבן אים געטרויט
וועט זיין צוריקגעצאָלט.

הכנעה׳דיג און שטום
שאַר איך זיך אין רינג פון מיינע מאָנענדיגע טעג,
קומט יעדען טאָג אריין א פרישער מאָנער אין דעם קרייז
קומט יעדע רגע צו א נייער רינג אין קייט
שטייפער, זיכערער דער צאַם,
און גרעסער שווערער ווערט דער חוב.

שטיי איך א געפאנגענער און צאָל
און איך צאָל, און איך צאָל, און איך צאָל —
מיט זעט, און מיט רויטקייט פון מיין בלוט,
מיט דעמבענדיקע שלאַנקייט פון מיין גוף —
מיט פינקעלדיקע פייכטקייט פון מיין אויג.
און זיי, די טעג מיינע אָפּגעלעבטע טעג,
נעמען אלץ, און מאָנען נאָך, און לאַכען נאָך פון מיר...

א. עמעלין

שאנד.

גאָט, דו האָסט אין דיין פורעם מיך באַשאַפן,
אַזאַ שיינעם שטאָלצן קאָפּ אויף מיינע אַקסלען
באַקרוינט מיט אַטלאַסשוואַרצע לאָקן;
מיינע אויגן — דרינגען דורך די הימלען דיינע;
ווי די לאָטוס־בלומען, זיינען מיינע באַקן, בלייך —
און טראָגן דער לבנה'ס צאַרטער ענליכקייט.
און אין מיין האַרצן — די טיפעניש פון ים'ען,
דער צייט'ס און רוים'ס אומענדליכקייט.
נאָר ווען מיין מחשבה גרייכט צו דיין לויטערקייט, —
זע איך ערשט די אברים מיינע,
פון דיר אָפּגעווענדטע,
ווי ביי אַ חיה שטייפע העסליכע,
וואָס קאָכן זיך אין בלוט פון מיינע אָדערן
אין רויטער תאווה'ס אומבאַהאָלפענקייט
פאַרשעם איך זיך,
שעם איך זיך...



פּאַרטנאָוו

יצחק אלחנן ראָנטש

אָקטאָבער נעכט
ווינטן
איד
מיינע זינד
בריוו
מיר (פראַגמענט)
מיין ערד
טויט
טשיקאַגאָ
צוועלף סטריט אין אוונט

יצחק אלחנן ראָנטש

אָקטאָבער־נעכט.

.1

אָ, העלע, לאַשטשענדע אָקטאָבער־נאַכט!
צו וואַנדערן אַזוי און איינזאַפּן אין זיך
דעם אַראָמאַט פון בלעטער־פאַל;
צו גיין און גיין, ניט מיד ווערנדיק,
ווי אין אַ צויבערלאַנד —
און ווערן ניי און זעען אַלץ
דורך וואונדער־ליכט;
און הערן יובל־טענער שטראָמען דורכן רוים,
און פילן — אַז עס זינגט אין מיר
אַ יעדער אבר — אַ געזאַנג פון פרייד;
צו זינגען הויך אַ ליוב־געזאַנג
צו דיר, אָ ליכטיקע אָקטאָבער־נאַכט!

.2

מײנע קלײנע אָרעמס שטרעקן זיך
אַרומצונעמען די גאַנצע װעלט;
מײנע ליפּן ציִען זיך צו קושן
די שאַפונגען פון גאָט, —
און יעדער אָבער אין מיר
װיל ליבן, ליבן, ליבן:
װײל אויסגעדורשט בין איך נאָך ליבע
און כװער פאַרברענט פון דאָרשט.

און שײן איז אַלץ און ליב איז אַלץ
און לױבנסװערט און גוט;
און מײנע אױגן בעטן, רופן:
„אָ, זען װילן מיר די שאַפונגען פון גאָט!"
און יעדער מענטש איז װאונדערבאַר און הײליק,
און יעדעם קינד — אַ לױבגעזאַנג צו גאָט.
און אַלץ און אַלץ װאָס סקען דאָס אױג דערבליקן,
װאָס סקען די האַנט דערטאַפּן,
און אַלץ און אַלץ, װאָס סקען דאָס האַרץ דערפילן —
איז ליב, איז ליב, איז ליב...
אַז װאױל צו דעם װאָס איז —
אָ, זאָל עס זײן געבענטשט!

ווינטן

מיר זיינען ווינטן, וואָס וואָיען אין ווינטער־נעכט
און שרעקן איבער קינדער און קראַנקע.
אונזערע לידער, אונזער כעס,
אונזער גבורה, אונזער שאַפונג, אונזער שטאָלץ —
ווינטן, ווינטן, ווינטן...

נו, זינגען מיר, טאַנצן מיר, האַלטן מלחמות און בויען וועלטן,
מאַכען צאַמען פאַר גאָטס ווינטן, פאַר גאָטס שטורעמס,
געוועלטיקן איבער גאָטס נאַטור...
מיר ווינטן־צאַמער — זיינען ווינטן,
וואָס טוען אַ בלאָז — שטאַרקער צי שוואַכער —
און פאַרשווינדן.

מיר זיינען ווינטן, וואָס ווערן צעבלאָזן פון ווינטן,
וואָס האָבן אונז אהער געבראַכט;
וואָס נעמען אונז און בלאָזן אונז
קעגן פעלזן פון אייביקייט
און צעבלאָזן אונז — אין שטויב, אין רוים.

איך און דו — זיינען ווינטן, ווינטן, ווינטן...

א י ד

קוק מיך אָן: דעם קאָפּ פון שרעק געבויגן,
ווי ס׳וואָלט אימיץ וועלן אים צעפּלעטן;
מיינע ווייכע האָר — פּאַר פרויען־הענט צום גלעטן,
און די אויגן —
אָט — ווי בא אַ דערשראָקן קינד,
און אָט — דערציילן זיי פון זינד
און סודות, וואָס זיי באַהאַלטן;
און אויף מיין פּנים אַלטן —
שאָטנס פון אויסדרוקן:
אַ גוטער יונגער מלאך,
אַ יעזואיט אַ גלח,
אַ קליינטשיקער מעפּיסטאָ,
דער בלייכער יעזוס קריסטוס...

ניט טראַכט קיין שלעכטס פון מיר:
כ׳פּראַל אויף פון הארץ די טיר
פּאַר דיר —
און זע און גלויב:
איך בין אַ טויב,
וואָס קאָן אין ווינטער־פרעסט
ניט געפינען זיך קיין קעסט;
און פּקלאַפּט אָן אין שויב
צו דיר די טויב
אין אָוונט שפּעט און בעט:
לאָז נעכטיקן באַ זיך אין הויז,
ביז ס׳ועט די זון אַרויס.

— — — — — — — — — — — — —

מיין לעבן איז — אַ קלאַפּעניש אין טירן,
וואָס פירן און פאַרפירן
אין הייזער, וואו סאיז ענג און גרוי,
אַזוי —
דערשטיקט צו ווערן,
יללות נאָר צו הערן
און אַרויסהעלפן — מיט טרערן.

קוק מיך אָן:
אין די ווינקלען פון מיינע ליפּן רויטע
ליגן גרייטע —
די האָפנונגען פון מיין פרייד.
און די לייד
אין מיינע אויגן,
און מיינע פּלייצעס געבויגן —
קענען ניט פאַרצערן
די פרייד, וואָס האַלט זיך אין איין מערן,
אין די ווינקלען פון מיין מויל
און ליגט דאָרט נאַקעט, הויל —
ווי פון מיין האַרץ די טיר
וואָס שטייט אָן אויפגעפּראַלטע — און וואַרט פאַר דיר.

מיינע זינד.

זינד, מיינע זינד, ניט באַגאַנגענע זינד,
פאָלגן מיך נאָך אומעטום,
ווי שרעק — דעם, וואָס ווערט בלינד,
ווי דער טויט, וואָס רייצט זיך פאַרשייט
מיט אַלטע קראַנקע לייט.

ס׳באַטראַכטן מיך אויגן
און בליקן גאָר בייז,
מ׳טייטלט מיט די פינגער,
און יעדערער ווייס —
אַז שווער איז מיין זינד,
מיין ניט באַגאַנגענע זינד.

אין שלאָפלאָזע נעכט,
ברעך איך די הענט אין געוויין —
און איך שריי און איך בעט:
איך בין ריין, איך בין ריין,
ווי אַ קינד —
פון די זינד, מיינע זינד.

ב ר י ו ו .

בריוו זענען — ווי די פרייד,
וואָס געליבטע פרויען ברייגנען מיט זיך,
ווען זיי קומען צו דיר,
אין כמורנע טעג,
אין דיין איינזאַם קליין צימער אריין.
בריוו זענען — ווי געזאַנגען,

גערערטע, דורכגייענדיק
דורך אַ שטילער גאַס, —
פון אַ שווייגנדיק, טויט הויז אַרויס.
בריוו זענען, ווי באַפרייטע זונענשטראַלן
פון כמאַרעס שוואַרצע.
בריוו זענען, ווי דאָס גלעטן
פון דיין קינד, ווען זיצסט
דערשלאָגן, מיד אין וויגשטול.
בריוו זענען, ווי די שטילע רייד
פון דיין אַלטער מאַמען,
ווען פילסט אַ פוסטקייט אין זיך און אַרום זיך.
בריוו זענען — פאַרפאַלגענדע אַקאָרדן
פון אַ לאַנג פאַרגעסענער סימפאָניע.
בריוו זענען — טריט פון נאָענטע,
וואָס דיין אויער נעמט אויף,
פון ערגעץ ווייט — ווייט...
בריוו זענען — וואַרימע הענט,
וואָס שטרעקן זיך צו דיר —
צו דערוואַרמען דיך.
בריוו זענען — ווידויים פון דיין לעבן,
פון דיינע טאָג־טעגלאַך פאַרבאָרגענע זינד.
בריוו זענען — רוענדיקע, שווייגנדיקע עדות
פון דיינע יאָרן,
וואָס גיבן זיך אַמאָל —
אַ ריר, אַ וועק —
און דערמאָנען דיך,
אַז זיי ווייסן,
אַלץ ווייסן זיי,
די בריוו:
די שטומע עדות פון דיינע יאָרן...

מ י ר.

(פראגמענט)

זייט איך קען מיין אייגן פּנים,
געדענק איך ניט אַף אים קיין שמייכל.
עס ליגט אַף מיר מיין טאטנס צער,
און דעם זיידנס ערנסטקייט און שטרענגקייט.
און אָפּט פארביטערט און פארצווייפלט,
גאר איך נאָך א שמייכל אַף מיין טרוקן פּנים.
איך קאָן אפילו ניט נאָכמאַכן קיין שמייכל:
איך האָב פּרובירט אין שפּיגל שמייכלען —
און סהאָט מיין פּנים זיך אזוי צעקרימט,
אַז כ'האָב דערשראָקן זיך פארלאָרן.

דערפאר האָב איך ליב קינדער:
אַף זייערע לויטערע פּנימער
שמייכלען זייערע נשמות,
דערפאר בין איך מקנא
דאָס פרישע יוגנט־פּנים.
נאָר קינדער און שמייכלענדיקע פּנימער
מיידן אויס מיך,
ווי איך פלעג מיין זיידן אויסמיידן.

נאָענט זענען מיר: די רעגנדיקע טעג און נעכט,
און גרויע הימלען,
און די שטאָק־פינצטערקייט פון נאַכט.
און שמאָלע אָרימע געסלאך,
מיט האַלב איינגעפאלענע הייזלאך.

טייער זענען מיר אַלטע אידן
מיט פּרמט־פּנימער.
דערפאַר פּאַסן מיר ניט מיינע העלע קליידער,
און כוואָלט געפילט זיך היימיש,
אין מיין טאַטנס לאַנגע שוואַרצע קאַפּאָטע;
איך וואָלט באַדאַרפט אַרומגיין,
מיט אַ דיקן שטאָק אין האַנט,
אידישלאַך איינגעבויגן,
און קוקן דורך די ברעמען,
און גלעטן זיך די באָרד באַ אַ וויכטיקן ענין.

עס וועלן מיינע קינדער
און קינדס קינדער,
די ירושה פון זייערע טאַטעס און זיידעס איבערנעמען:
אַף זייערע יונגע פּנימער,
וועט זיך קיין שמייכל קיינמאָל ניט באַווייזן —
און שעלטן וועלן זיי
און בענטשן וועלן זיי
דאָס פאָלק —
וואָס האָט פון זיי
דעם שמייכל אויסגעזויגן,
וואָס האָט זיי טיפע, אידישע נשמות
געשאָנקען...

מיין ערד.

(פון דער סעריע: „מיין ערד")

עס ציט מיך צו דער נאַקעטער מאַמע־ערד,
צו די גרינע בולבע־פעלדער,
צו די ברוינע תבואה־זאַנגען,
צו די הימעל־ברייטע גרינע סטעפּעס.
איך פיל אַ בלוטן־קרובשאַפט —
צו דעם קעלבל און לאָשיקל אויפן פעלד,
צו דער וועווערקע און פייגעלע אין וואַלד.
עס איז מיר טייער יעדעס הינדעלע,
וואָס זוכט זיין שפּייז אַרום אין פאַרם־הויף.
נאָך אַ שטורעם וועל איך באַקוקען
דעם סאָד, די ביימער — יונג צי אַלט;
מיין אויג וועט קוויקן זיך מיט שיינע לאַנדשאַפטן;
איך ליב דאָס וואַנדערן אויף וועגן איינזאַמע,
מיט וואַלד און פעלד אַרום צעשפּרייט.
איך ליב דאָס באָדן זיך מיט כוואַליעס
אין קלאָרע וואַסערן —
עס ציט מיך צו דער נאַקעטער מאַמע־ערד.

איך וועל קיינמאָל ניט בענקען נאָך דער שטאָט:
נאָך אירע גאַסן און געביידעס,
נאָך די טראַמווייען און באַנען,
נאָך מוזעומס און קונסט־גאַלעריען;
איך וועל ניט בענקען נאָך אירע מענטשן.
די שטאָט איז פּאַלטש.
טיף אָבער וועט זיין מיין בענקשאַפט,
ווען איך פאַרלאָז דאָס פעלד:
די מענטשן אפן לאַנד זענען ערלאַך,
זענען ליב און גוט.
און וואו איך זאָל זיך ניט געפינען,
וועל איך דערמאָנען זיך אָן פאַרמער,

אָן זײַנע עופות,
אָן די תבואה־פעלדער,
אָן דעם אַלטן נוסן־וואַלד,
אָן דעם שטילן ליבן טײַכעל
און אָן די גרינע בערג און טאָלן.
עס ציט מיך צו דער נאַקעטער מאַמע־ערד,
פון וועלכער איך שטאַם,
און וועלכע וועט מיך צוטוליען צו זיך —
ווען מײַן צײַט וועט קומען.

.2

מײַן וואַלד בענקט פאַרנאַכט, אַזוי ווי איך
און שווײַגט און טרוימט, ווי איך.
עס גייט אים ניט אָן דער טומעל פון די גרילן,
דאָס פּיפּסן פון פײגאַלאַך
און דאָס בילן פון וואַלדמײסטערס הינט.
דער וואַלד וואַרט אױף דער נאַכט,
וואָס קומט פון היילן וואו אַרוים,
און זאָגט צו אים: שלאָף אײַן, שלאָף אײַן —
און ס'הערט דער וואַלד און שרעקט זיך ניט,
און שרעקט זיך ניט.

איך שווײַג אין פאַרנאַכטן און טרוים, ווי דער וואַלד.
מיך שרעקט ניט די אָנקומענדע נאַכט,
ווי זי שרעקט ניט דעם וואַלד.
דער וואַלד ווערט מיר נאָענט אין פאַרנאַכטן —
און ווי פאַר אַ געטרײַען אַלטן פרײַנט,
דערצײל איך שווײַגנדיק אים מײַנע סודות, —
די זינד פון טאָג.
אין שטילע פאַרנאַכטן זאָג איך וידוי אין וואַלד;
און וואָס טונקעלער עס ווערט,

ווער איך פרייער, אָפּענער — און דערצייל, דערצייל...
און פּונקט ווי ס׳קאָן דער וואַלד
די נאַכט ניט אויסמיידן,
קאָן איך דאָך מיינע זינד ניט אויסמיידן.

און אפשר —
מיט יאָרן פיל צוריק,
זענען דאָ אין וואַלד,
אין האַלב־טונקעלע פארנאַכטן,
מיינע זיידעס געזעסן,
און זייערע זינד פאַרן וואַלד אַנטפּלעקט —
און ס׳האָט דער וואַלד געענטפערט שטומערהייט:
„זע, פון אַלע זייטן קומט אַף מיר די פינצטערניש:
זיי רואיק, מענטש, ווי איך, ווען סקומט אַף מיר די פינצ־
טערניש.״

און ס'האָבען מיינע זיידעס דאָ אין וואלד
תפילות צו גאָט געשיקט,
און האָבן זיך געקלאַפּט אין הארץ על־חטא,
פאר זייער זינד —
און ס'האָט די זינד געלאכט,
שטייענדיק הינטער זייערע פּלייצעס.

ווען כבין פארנאכט אין וואלד
און זאָג וידוי פאר דער אָנקומענדער פינצטערניש,
ווייס איך —
ס'איז דער וואלד א ברודער מיינער —
און סוועט מיר גוט אזוי:
איך וועל רואיק זיין ווי דער וואלד,
איך וועל באַגעגענען די שונאים מיינע,
ווי דער וואלד — די פינצטערניש,
איך וועל קוקן דעם שונא גלייך אין די אויגן
ון זאָגן: קום אף מיר, קום —
און טראכטן:
איך וועל רואיק זיין, ווי דער וואלד,
ווען ס'קומט אף אים די פינצטערניש.

.3

מיין ערד ווינקט צו מיר מיט זיבן טויזנט אויגן —
און איך — איך גיב א מאך מיט מיינע הענט
איןביידע זייטן
און כזאג צו איר:
דו לאז צורו: איך האב קיין צייט נים.
אבער וואו איך זאל זיך ניט געפינען:
אין שטוב, אין באן, צי אף א שיף אין מיטן ים,
צי פארוויגט אין די ארעמס פון זיסן שלאף —
אומעטום רופט מיך, ווינקט צו מיר —
מיין ערד.
און פארמאך איך מיינע אויגן —
אז כזאל די זיבן טויזנט אויגן פון דער ערד ניט זען —
דרייען זיך און שווינדלען ארום מיר —
ערד, ערד, שטיקער ערד.

אין אלע צייטן; וואס איך זאל ניט טאן;
וואו איך זאל ניט זיין —
פיל איך, אז איך בין —
ערד, שטיקער ערד.
הענט־ערד; אויגן־ערד; ציין־ערד; האר־ערד.
זע איך א לויה, ווייס איך —
ערד וועט באהעפטן זיך מיט ערד:
אנטלויף איך:

(סווינקט צו מיר די ערד מיט אירע זיבן טויזנט אויגן
שנעלער דאן)
אפ'ן שפּאציר, באטראכטנדיק די אויסגעפּוצטע פאַרפּיר־
מירטע יונגע פרויען,
פיל איך — סלאַבען שטיקער ערד,
סגייען, סלויפן — שטיקער ערד —
ערד, ערד און ערד.

הייזער־ערד; לאַמטערן־ערד; באַנען־ערד.
מיין הונט — ערד; דער טאָפּאָל ביי מיין פענצטער — **ערד.**
און די רוענדיקע ערד — אונטער מיינע פיס —
ווינקט אַרויף: צו מיר, צום וואָלקנקראַצער, צום מאָנומענט —
און זאָגט:
„גרויסט זיך, שטייגט, וואקסט אַלץ העכער, העכער —
צו די הימלען — אַרויף, אַרויף!
איר וועט אַלע, אַלע מיר ווערן
און ליגן זיך צו מיר — אייער מאַמען — אפן שויס...
און איך וועל ליגן אייך אין בעט אַריין
און צודעקן אייך גוט, גוט.

סווינקט צו מיר מיין ערד מיט זיבן טויזנט אויגן —
איך זאָל באהעפטן זיך מיט איר.
און איך — שפּאַר זיך מיט איר,
ווי אַ פאַרשפּילט קינד,
ווען סרופט די מאַמע אים צום שלאָף...

טשיקאגאָ.

(פון דער סעריע: „ווינטן־שטאָט")

דאָס סאָפּן און רעוון פון באַנען;
דאָס בראַזגן און קרעכצן פון קארס;
דאָס צעיושעט געברום פון שטאָל און אייזן;
דער רויך און דער שטויב —
דער אָטעם פון מאָנסטער;
דאָס גרילצן און הודזשן, דאָס טרעסטשען און סוויסטשן —
די טענער פון ווילדן אָרקעסטער —
טשיקאַגאָ.

לאַבירינטן־תהומ'ען; אומענדלאָכע פּאַסן שמוץ און מיסט,
אַלאַבאַסטער־ציין און פּורפּור־קלייד —
ס'שרעקן אָפּ און ציען צו
טשיקאַגאָ'ס גאַסן און בולווארן.

אומעט־גרויל גלאָצט פון אַלע ווינקלען;
רויב און מאָרד; קלאַנג פון מעסער־שאַרף אין הייל;
אַ קאָלאָסאַלע אויסשטעלונג פון גאָטס און מענטשלאָכער באַשאַ־פונג
טשיקאַגאָ.

אַ דיקטאַטור פון מעטאַל;
אַ פאַרביסענע מלחמה צווישן מענטש און שטאָל;
אַ שטורעם־אָרגאַן וואָס שמעטערט און פאַרצוקט;
אַ דיסציפּלינירטע אַרמיי פון בויער און צעשטערער;
אַ נייער אָפּגאָט —
טשיקאַגאָ.

.2

צוועלף סטריט איז אוונט

צינדט מען אומעטום אָן ליכטער,
שיינען אויף מיט לוסט געזיכטער,
פראָלן אויף זיך טיר נאָך טיר, —
ס'רופט די גאַס איצט צום שפּאַציר.

הערט זיך איין נאָר צום אָרקעסטער:
ס'איז דער גרעסטער, ס'איז דער בעסטער:
פּויקן קאַרן־באַראַבאַנען,
און אַזויפיל איז פאַראַנען
אַטאַם: שופרות און טראָמפּייטן,
און צימבאַלן, באַסן, פלייטן,
און אַ כאָר פון יונג געלעכטער
פון די צוועלף סטריט זין און טעכטער...
און די ראַגן — ווי יאַרידן:
אידן, אידן, אידן...

קומסט אויף צוועלף סטריט, שפּרייסטו זיכער,
און עס טראָגט דיך גיכער, גיכער,
צו די יונגוואַרג, צום געלעכטער
פון די שטיפערישע טעכטער...
אויגען פינקלען, אויגען גלאַנצן,
און די פּיסלאַך ווי צום טאַנצן.

און עס גייט זיך,
און עס דרייט זיך
טריט, טריט, טריט, טריט —
ווער עס שאַרט זיך, ווער עס פליט
טריט פון שטאַרקן, טריט פון מידן
יאָ צופרידן, ניט צופרידן —
אידן, אידן, אידן.

ארבייטער וועלט דרוקעריי,

379

1126 בלו איילאנד עוו., שיקאגא